ש. אנ-סקי

# געזאמעלטע שריפטן



№ 78.
y.
„Hasmonaea" Tartu

ש. אַן־סקי

(שלמה־זנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

## צווייטער באַנד

# דראַמען

פערלאַג „אַן־סקי"

ווילנאָ־וואַרשאַ־ניו־יאָרק — תרפ"ח — 1928

אויסגעפיהרט דורכ'ן פערלאַג ש. שרעבערק.

פערקויף־געזעלשאַפט „צ ע נ ט ר אַ ל" וואַרשאַ

Printed in Poland.

SZ. AŃ—SKI.

tom drugi

# DRAMATY

wydanie drugie

Warszawa, 192

Wydawnictwo „AN—SKI“ Wilno—Warszawa—Nowy-Jork.

---

SH. AN—SKY.

second volume

# DRAMAS

Second edition

3
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:6990
23487

Warsaw 192

Publishing Company „AN-SKY“ Vilno—Warsaw—New-York

Druk. I. Hendlera Warszawa, Długa 26. Tel. 260 - 19



אנ—סקי בײַם פאָרלעזן דעם „דבוק״ פאַר די אַרטיסטען פון דער װילנער טרופּע און װאַרשעװער ליטעראַטען.

# צווישען צוויי וועלטען

(דער דבוק)

# טאָג און נאַכט

(פראַגמענטען)

# פּערזאָנען:

ר׳ סנדר ברינניצער

לאה—זיין טאָכטער

פראַדע—איהר אַלטע ניאַניע

גיטל } לאה׳ס חבר׳טעס
בתיה }

מנשה—לאה׳ס חתן

נחמן—זיין פאָטער

ר׳ מענדל—מנשה׳ס רבי

דער משולח

ר׳ עזריאל׳קע מיראָפּאָליער—א צדיק

מיכאל—זיין גבאי

ר׳ שמשון—רב אין מיראָפּאָליע

1־טער } דיינים
2־טער }

מאיר—שמש אין שוהל אין ברינניץ

חנן

העניעך } ישיבה־בחורים אין ברינניץ
אשר }

1-טער }
2-טער } בטלנים
3-טער }

| | |
|---|---|
| 1-טער<br>2-טער<br>3-טער | חסידים |
| אַ בעיאָהרענטע יודענע | |
| אַ חתונה־אורח | |
| אַ הויקערדיגער<br>איינער אויף קוליעס | אָרימע לייט |
| אַ הינקענדיגע<br>אַנ׳איינהאַנטיגע<br>אַ בלינדע | אַלטע אָרימע ווייבער |
| אַ הויכע בלאַסע ווייבעל<br>אַ ווייבעל מיט אַ קינד אויף די הענד | יונגע אָרימע ווייבער |

חסידים, ישיבה־בחורים, בעלי־בתים, קרעמער, חתונה־געסט, קבצנים, קינדער.

---

דער ערשטער און צווייטער אַקט קומט פאָר אין בריניץ, דער דריטער און פערטער—אין מיראָפאָליע. צווישען ערשטען און צווייטען אַקט—דריי חדשים, צווישען צווייטען און דריטען—דריי טעג, צווישען דריטען און פערטען—אַ האַלבער מעת־לעת.

# ערשטער אקט.

אײדער דער פֿאָרהאַנג הויבט זיך אויף, בײ א פֿאָלקאָמער פֿינסטערניש, הערט זיך, ווי פֿון דער ווייט. א שטילער מיסטישער געזאַנג:

מחמת וואָס, מחמת וואָס
איז די נשמה
פֿון העכסטער הויך
אַראָב אין טיפֿסטען גרונט?
—דאָס פֿאַלען טראָגט
דעם אויפֿקומען אין זיך...

דער פֿאָרהאַנג הויבט זיך לאַנגזאַם אויף.

א הילצערנע שוהל, זעהר אַנ׳אַלטע מיט שוואַרצע ווענט. דער באַלטען אונ־טערגעשפּאַרט מיט צוויי הילצערנע סלופּעס. פֿון מיטען באַלטען, איבער׳ן בימה, לאָזט זיך אַראָב אַנ׳אַלטער מעשענער הענגלײַכטער. די בימה, שפּוע־דיג, איז בעדעקט מיט א טונקעלען טישטוך. אין דער פֿאָדערשטער וואַנט, אין דער הויך, קלײנע פֿענסטערלעך פֿון דער ווייבערשער שוהל. א לאַנגע באַנק, פֿאַר איהר א לאַנגער הילצערנער טיש פֿערוואָרפֿען מיט ספֿרים. אויף איהם ברענען אין לײמענע לײַכטערלעך צוויי שטיקלעך חלב׳נע ליכט, וואָס קומען אויס נידעריגער, ווי די אָנגעוואָרפֿענע ספֿרים. נאָך דער באַנק מיט׳ן טיש, לינקס, א קלײנע טהיר אין חדר מיוחד. בײם עק וואַנט אַנ׳אַל־מער מיט ספֿרים.—וואַנט רעכטס: אין מיטען דער אָרון קודש, לינקס פֿון איהם דער עמוד, אויף וועלכען עס ברענט א דיק וועקסען יאָרצײַט־ליכט

פון ביידע זייטען אָרון קודש צוויי פענסטער. בענק אין דער גאַנצער לענג פון דער וואַנט, אנטקעגען זיי עטליכע שטענדערס. וואַנט ל'ינקס: אַ ברייטער קאַכלענער אויווען, ביי איהם אַ באַנק. אנטקעגען באַנק אַ לאַנגער טיש, אויך פערוואָרפען מיט ספרים. אַ האַנדפאַס מיט אַ האַנטוך אין אַ רינג. אַ ברייטע טהיר פון גאַס. נאָך דער טהיר אַ קאַסטען, איבער איהם אין אַ פער־טיפונג ברענט אַ נר תמיד.

נאָהנט פון עמוד ביי אַ שטענדער זיצט ה ע נ ע ך שטאַרק פערטיפט אין אַ ספר. אַרום טיש ביי דער פאָדערשטער וואַנט זיצען פינף־זעקס י ש י ב ה־ב ח ו ר י ם, האַלב צולעגט אין מידע פּאָזעס, און לערנען שטיל מיט אַ פער־חלומ'טען נגון גמרא. ביי דער בימה שטעהט איינגעבויגען מ א י ר און לעגט פונאַנדער זעקעלעך מיט טלית און תפילין. אַרום טיש, ביי דער לינקער וואַנט, זיצען 1־טער, 2־טער און 3־טער ב ט ל נ י ם איינגאַנצען פער'חלומ'ט, מיט פערגלאָצטע אויגען און זינגען. אויפ'ן באַנק ביים אויווען ליגט דער משולח מיט אַ זאַק צוקאָפּענס. ביים אַלמער מיט ספרים, האַלטענדיג זיך מיט דער האַנד ביים אויבערשטען ברעג אַלמער, שטעהט שטאַרק פער־טראַכט ח נ ן. אָווענד. די שוהל איז בענומען מיט אַ מיסטישער שטימונג אין די ווינקלען שאָטענס.

## 1־טער, 2־טער, 3־טער בטלנים.

ענדיגען זינגען

מחמת וואָס, מחמת וואָס
איז די נשמה
פון הויכער הויך
אַראָב אין טיפסטען גרונט?
דאָס פאַלען טראָגט
דעם אויפקומען אין זיך...

לאַנגע פּויזע. אַלע דריי זיצען אומבעוועגט, שטאַרק פער'חלומ'ט.

## 1־טער בטלן:

ווי מען דערצעהלט אַ מעשה

ביי ר' דוד'ל טאַלנער, זכותו יגן עלינו, איז געוועזן אַ גיל.

דענער שטוהל און אויף איהם איז געווען אויסגעקריצט: „דוד, מלך ישראל, חי וקים“. - פויזע.

## 2־טער בטלן.

מיט דעמזעלבען טאָן

ר׳ ישראל רוזינער, זכרונו לברכה, האָט זיך אויפגעפיהרט ווי אַן׳אמת׳ער מאָנאַרך. ביי זיין טיש האָט שטענדיג געשפּיעלט אַ קאַפּעליע פון פיר און צוואַנציג כלי-זמרים און אַרויספאָהרען פלעגט ער נישט אַנדערש ווי אויף זעקס פערד נאַ-שפּיץ.

## 3־טער בטלן.

מיט התפעלות

און וועגען ר׳ שמואל קאַמינקער דערצעהלט מען, אַז ער איז אומגעגאַנגען אין גילדענע פאַנטעפעלעך, (ענטציקט) אין גילדענע פאַנטעפעלעך!

## דער משולח.

הויבט זיך אויף פון באַנק, בלייבט זיצען אויסגעגלייכט. מיט אַ רוהיג זאַנג־טען קול, חי פון דער ווייט

דער הייליגער ר׳ זוסיע אַניפּאָלער איז כל ימיו געווען אַן׳אביון, האָט געקליבען נדבות, איז אומגעגאַנגען אין אַ פּויער־שען טיזליק מיט אַ שטריק אַרומגעגאַרטעלט און האָט פונדעסט־וועגען נישט ווייניגער אויפגעטהון, ווי דער טאַלנער אָדער דער רוזינער.

## 1־טער בטלן.

נישט קאָנטעט

איהר, האָט קיין פּעראיבעל נישט, ווייסט נישט וועגען וואָס מען רעדט און מישט זיך אַריין. אַז מען דערצעהלט וועגען דער גרויסקייט פונ׳ם טאַלנער אָדער רוזינער, רעדט זיך דען וועגען זייער רייכקייט? ווייניג גבירים אדירים איז דאָ אויף דער וועלט! מען דאַרף דאָך פערשטעהן, אַז אי אין דער גאָל-

דענער שטוהל, אי אין דער קאַפעליע, אי אין די גילדענע פאַנ-טעפעלעך איז געלעגען אַ טיפער סוד, אַ טעם הכּמוס.

## 3־טער בטלן.

עס פערשטעהט זיך! ווער פערשטעהט דאָס נישט!

## 2־טער בטלן.

ווער עס האָט געהאַט אָפּענע אויגען, דער האָט געזעהן. מען דערצעהלט, אַז בשעת דער אַפּטער רב האָט זיך צום ער־שטען מאָל בעגעגענט אין וועג מיט'ן רוזינער, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהון קושען די רעדער פון זיין וואָגען. און אַז מען האָט איהם געפרעגט, וואָס דאָס בעדייט, האָט ער אַ געשריי געטהון: „טפּשים! איהר זעהט דען נישט, אַז דאָס איז די מרכבה של מעלה?!"

## 3־טער בטלן.

ענטציקט.

אַי, אַי, אַי!

## 1־טער בטלן.

דער תּוכן איז דאָך אין דעם, וואָס דער גילדענער שטוהל איז קיין שטוהל נישט געווען, די קאַפּעליע קיין קאַפּעליע און די פערד זענען קיין פערד נישט געווען. דאָס אַלץ איז געווען נאָר אַ דמיון, אַנ'אָבשיין, און האָט געדיענט ווי אַ בגד, ווי אַ שייד פאַר זייער גרויס.

## דער משולח.

אמת'ע גרויס דאַרף נישט האָבען קיין שענעם בגד.

## 1־טער בטלן.

איהר האָט אַ טעות! אמת'ע גדלות מוז האָבען אַ פּאַסיגען

## 2־טער בטלן.

קוועטשט מיט די פּלייצעס

זייער גדלות! זייער תּקיפות! עס איז דען משער צו זיין?

## 1־טער בטלן.

אַ חדוש זייער תּקיפות! איהר האָט געהערט די מעשה מיט ר׳ שמעלקע ניקלשבּערגערס קאַנטשיק? כּדאי צו הערען. אַמאָל זענען צו ר׳ שמעלקע׳ן געקומען לאָדען זיך אַן׳אָרימאַן מיט אַ גביר, וועלכער איז געווען אַ קרוב למלכוּת און פאַר וועמען אַלע האָבּען געציטערט. ר׳ שמעלקע האָט אויסגעהערט בּיידע צדדים און אַרויסגעגעבּען אַ פּסק-דין, אַז דער אָרימאַן האָט געוואונען דעם משפּט. איז דער גביר ברוגז געוואָרען און האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט מקיים פּסק זיין. רופט זיך אָבּ רוהיג ר׳ שמעלקע: „דו וועסט מקיים זיין. אַז אַ רב הייסט, מוז מען מקיים זיין״. איז שוין דער גביר אין כּעס געוואָרען און האָט אָנגעהויבּען שרייען: „איך לאַך זיך אויס פון אייך מיט אייער רבנות!״ דאָ האָט זיך ר׳ שמעלקע אויפגעהויבּען מלוא קומתו און אַ געשריי געטהון: „בּזה הרגע זאָלסטו מקיים פּסק זיין! אַז נישט—נעהם איך דעם קאַנטשיק!״ דאָ איז דער גביר אינגאַנצען אַרויס פון די כּלים, האָט אָנגעהויבּען מחרף ומגדף זיין דעם רבּי׳ן. נעהמט ר׳ שמעלקע און רוקט אַ בּיסעל אַרויס דאָס קעסטעל פון טיש. אַז פון דאָרטען שפּרינגט מיט אַמאָל אַרויט דער נחש הקדמוני, דער אוראַלטער שלאַנג און וויקעלט זיך אַרום דעם גביר אַרום האַלז. נו, נו, האָט זיך שוין דאָרט אַ בּיסעל געטהון. דער גביר שרייט און וויינט: „גוואַלד, רבּי, זייט מיר מוחל, איך וועל טהון אַלץ, וואָס איהר וועט הייסען, נאָר נעהמט צו דעם שלאַנג!״ האָט איהם ר׳ שמעלקע געזאָגט: „דו וועסט שוין פערזאָגען די קינדער און קינדס-קינדער, זיי זאָלען פאָלגען דעם רבּי׳ן און מורא האָבּען פאַר זיין קאַנטשיק״. און האָט אַראָבּגענומען פון איהם דעם שלאַנג.

## 3־טער בטלן.

כאַ-כאַ-כאַ! אַ פיינער קאַנטשיק! (פּויזע).

## 2־טער בטלן.

צום ערשטען

איהר האָט, ווייזט אויס, אַ טעות געהאַט. די מעשה האָט געמוזט פּאַסירען נישט מיט דעם נחש הקדמוני...

## 3־טער בטלן.

וואָסי? פּאַרוואָס?

## 2־טער בטלן.

גאָר פּשוט. עס קאָן נישט זיין, אַז ר׳ שמעלקע ניקעלש-בערגער זאָל זיך בענוצען מיט׳ן נחש הקדמוני. דער נחש הקדמוני איז דאָך דער סמך-מם, אַליין די סטרא אחרא, רחמנא לצלן. (שפּייט אָב).

## 3־טער בטלן.

נו, פּטור! ר׳ שמעלקע האָט מסתמא געוואוסט, וואָס ער טהוט!

## 1־טער בטלן.

בעליידיגט.

איך פערשטעה נישט, וואָס דו רעדסט! איך דערצעהל אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט לפני כל עם ועדה, צעהנדליגער מענ-שען האָבען דאָס מיט זייערע אויגען געזעהן, און דו קומסט און זאָגסט, אַז דאָס האָט נישט געקאָנט פּאַסירען. גלאַט אין דער וועלט אַריין גערעדט.

## 2־טער בטלן.

חס ושלום! נאָר איך האָב גערעכענט, אַז עס זענען נישט פאַרהאַן אַזעלכע שמות און צרופים, וואָס מען זאָל קאָנען אַרויס-רופען מיט זיי דעם סמך-מם. (שפּייט אויס).

## דער משׂולח.

אַרויסרופען דעם טייוועל קאָן מען נאָר מיט דעם גרויסען צווייפאַכיג אויסגעדריקטען שם, וואָס שמעלצט-צונויף אין זיין פלאַם די העכסטע בערג-שפּיצען מיט די טיעפסטע טהאָלען.

(חנן הויבט אויף דעם קאָפּ און הערט זיך אויפמערקזאם צו).

## 3־טער בטלן.

אונרוהיג

און עס איז קיין סכנה נישט צו בענוצען דעם גרויסען שם?

## דער משולח.

פערטראַכט.

אַ סכנה?... ניין... נאָר פון גרויס גלוסטיגקייט, וואָס דער פונק גלוסט צום פלאַם, קאָן פלאַצען די כלי...

## 1־טער בטלן.

אין מיין שטעדטעל איז דאָ אַ בעל-שם, אַ ווילדער בעל-מופת. דהיינו, מיט אַ שם מאַכט ער אָן אַ שריפה און פערלעשט זי גלייך מיט אַ צווייטען שם. ער זעהט, וואָס עס טהוט זיך פאַר הונדערט מייל פון איהם, צאַפּט מיט'ן פינגער ווייַן פון וואַנט וכדומה. האָט ער מיר אַליין געזאָגט, אַז ער ווייס פון אַזעלכע שמות, וואָס מען קאָן מיט זיי בעשאַפען אַ גולם, מהיה מתים זיין, ווערען אַ רואה ואינו נראה, אַרויסרופען נישט-גוטע... אפילו דעם סמך-מם. (שפּייט אויס) איך האָב דאָס פון זיין מויל געהערט.

## חנן.

וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אומבעוועגט און זיך צוגעהערט מיט קאָפּ, מאַכט אַ טריט צום טיש, קוקט אויפ'ן משולח, נאָכדעם אויפ'ן ערשטען בטלן, מיט אַ ווייטען פערטראַכטען קול:

וואו איז ער?

דער משולח שטעלט אָב זיין בליק אויף חנן'ען און לאָזט די גאַנצע צייט
פון איהם נישט אַראָב די אויגען.

## 1־טער בטלן.

פערהאונדערט:

חער?

## חנן.

דער בעל-שם.

## 1־טער בטלן.

וואו זאָל ער זיין? ביי מיר אין שטעדטעל, אויב ער לעבט נאָך.

## חנן.

גייט פון דאַנען?

## 1־טער בטלן.

דאָס שטעדטעל? ווייט! אַ מהלך רב! אין טיעף פּאָלעסיע!

## חנן.

וויפיעל גאַנג?

## 1־טער בטלן.

גאַנג וויפיעל? אַ גוטען חודש, אויב נישט מעחר... (פויזע). אַנטקעגען וואָס פרעגסטו דאָס? ווילסט אפשר געהן צו איהם? (חנן שווייגט). דאָס שטעדטעל רופט זיך קראַסנע, דער בעל-שם הייסט ר' אלחנן.

## חנן.

פערוואונדערט, פאַר זיך.

אלחנן? אל חנן?... גאָט פון חנן?...

## 1 טער בטלן.

צו די בטלנים

איך זאָג אייך, דאָס איז אַ בעל מופת! ער האָט געפּרובט אין מיטען העלען טאָג מיט אַ שם...

## 2־טער בטלן.

שלאָגט איהם איבער

זאָל זיין גענוג צו ריידען וועגען אַזעלכע זאַכען צו דער נאַכט! בפרט נאָך אין אַ מקום קדוש. מ׳קאָן זיך חס ושלום אומגערן אַרויסכאַפּען מיט אַ שם, מיט אַ צרוף און עס וועט געשעהן אַן׳אומגליק... שוין געווען, רחמנא לצלן, אַזעלכע סבות.

חנן געהט לאַנגזאַם ארויס. אַלע קוקען איהם נאָך. פּויזע.

## דער משולח.

ווער איז דער בחור?

## 1־טער בטלן.

אַ בחור, אַ ישיבה-בחור.

מאיר מאַכט צו די טהירלעך פון בימה און געהט צו צום טיש.

## 2־טער בטלן.

אַ טייערע כלי, אַן׳עלוי!

## 3־טער בטלן.

אַן׳אייזערנער קאָפּ! פינף הונדערט בלאַט גמרא אויסווענדיג אויפ׳ן פינגער!

## דער משולח.

פון וואַנען איז ער?

## מאיר.

ער איז ערגיץ פון דער ליטע. געלערנט דאָ איך דער

ישיבה, גע׳שמ׳ט פאַר׳ן ערשטען די״. בעקומען סמיכה אויף הוראה. מיט אַמאָל איז ער פערשוואונדען געוואָרען, און האָט זיך אַ גאַנץ יאָהר נישט געוויזען. מ׳האָט געזאָגט, ער איז אַוועק אָבריכטען גלות... נישט לאַנג האָט ער זיך אומגעקעהרט. גאָר נישט יענער בחור, וואָס געווען. שטענדיג פערטראַכט, פאַסט הפסקות משבת לשבת, פראַוועט מקואות... (שטילער) מ׳זאָגט, אַז ער עסק׳ט זיך מיט קבלה...

## 2־טער בטלן.

שטיל

איך שטאָדט רעדט מען אויך וועגען דעם... מ׳איז שוין געווען בעטען ביי איהם קמיעות. נאָר ער גיט נישט...

## 3־טער בטלן.

ווער ווייסט ווער ער איז? אפשר פון די גדולים! ווער קאָן וויסען! און נאָכקוקען איז אַ סכנה... (פויזע)

## 2־טער בטלן.

גענעצט

שפעט... צייט לעגען זיך שלאָפען... (צום ערשטען בטלן מיט אַ שמייכעל) אַ שאָדען, וואָס דאָ איז נישטאָ אייער בעל־שם, וואָס קאָן צאַפּען וויין פון וואַנט... איך וואָלט זיך איצט מחיה זיין מיט אַ קאַפּעלע בראָנפען. איך האָב היינט אַ גאַנצען טאָג נישט געהאַט אין מויל!

## 1־טער בטלן.

ביי מיר איז היינט אויך כמעט אַ תענית. מער נישט, נאָכ׳ן דאַוונען געמאַכט שהכל אויף אַ הערצענעם קיכעל.

## מאיר.

האלב בסוד, קאָנטעט

[illegible] אַקאַרשט, מיר [illegible], דוכט זיך, באַלד האָבען אַ

גוט ביסעל משקה. סנדר איז געפּאָהרען זעהן אַ חתן פּאַר זיין בת-יחידה. זאָל ער נאָר שרייבען למזל תנאים, וועט ער שוין שטעלען אַ פיינעם תקון.

## 2־טער בטלן.

אַ! איך גלויב נישט, ער זאָל ווען עס איז שרייבען תנאים. דריי מאָל געפּאָהרען זעהן חתנים און אַלץ אומגעקעהרט זיך מיט גאָרנישט. דאָס געפעלט איהם נישט דער חתן, דאָס איז איהם קנאַפּ יחוס, דאָס וועניג נדן... מען טאָר נישט זיין אַזאַ אויסקלויבער!

## מאיר.

סנדר מעג זיך פּערגינען. אָהן עין הרע אַ גביר, אַ מיוחס, די בת-יחידה אַ געראָטענע, אַ יפת תואר...

## 3־טער בטלן.

מיט ענטציקונג

איך האָב האָלט סנדר׳ן! אַנ׳אמת׳ער חסיד, טאַקע פון די מיראָפּאָליער חסידים, מיט׳ן ברען!...

## 1־טער בטלן.

קאַלט

אַ חסיד איז ער אַ גוטער, נישטאָ וואָס צו ריידען. נאָר די בת-יחידה זיינע האָט ער געמעגט אויסגעבען אויף אַנ׳אַנדער אופן.

## 3־טער בטלן.

וואָסיז וואָס?

## 1־טער בטלן.

אַמאָליגע צייטען, אַז אַ גביר, און נאָך פון אַ פיינער משפחה, פלעגט דאַרפען אַ שדוך טהון, פלעגט ער נישט זוכען נישט קיין געלד, נישט קיין יחוס אָבות, נאָר יחוס עצמו. פלעגט אַוועקפאָהרען אין דער גרויסער ישיבה, אָבגעבען דעם ראש-

ישיבה די שענע מתנה און יענער פלעגט איהם שוין אויסקלוי-בען אַ בחור פון די שופרא דשופרא. סנדר האָט אויך געקאָנט ·טהון אַזוי.

## דער משולח.

ער וואָלט אפשר דאָ אין דער ישיבה אויך געפונען אַ פּאַסיגען חתן.

## 1־טער בטלן.

פערוואונדערט

פון וואַנען ווייסט איהר?

## דער משולח.

איך בין משער.

## 3־טער בטלן.

געאיילט

נו, נו, נו, נישט גערעדט קיין לשון הרע בּפרט וועגען אנשי שלומינו... אַ שדוך טהוט מען מיט דעם, ווען עלכער איז בעשערט...

עס עפענט זיך האַסטיג די ̣טהיר און עס לויפט אריין אַן׳עלטערע יודענע, פיהרענדיג פאַר די הענד צוויי קליינע קינדער.

## עלטערע יודענע.

לויפט מיט די קינדער צום אָרון קודש, שרייענדיג מיט אַ געוויין:

אַי-אַי, רבונו של עולם! העלף מיר! (לויפט צום אָרון קודש) קינדערלעך! מיר וועלען עפענען דעם אָרון קודש, מיר וועלען צופּאַלען צו די ספרי תורות און נישט אַוועקגעהן, ביז מיר וועלען אויסוויינען אַ רפואה שלמה פאַר אייער מאַמען! (עפענט דעם אָרון קודש, ווארפט זיך אין איהם מיט׳ן קאָפּ און הויבט אָן מיט אַ וויינענדיגען רעטשיטאַטיוו): גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, קוק אויף מיין בראָך, קוק אָן דעם צער פון די יונגע קינדערלעך און נישט נעהם צו זייער מאַמען יונגערהייד פון דער וועלט.

הייליגע תורות, שטעלט זיך איין פאַר אַ ביטער־ער אלמנה! הייליגע תורות, ליבע אמהות, געהט, לויפט צום רבונו של עולם, שרייט, בעט, אַז דאָס שענע בוימעלע זאָל נישט אַרויסגעריסען ווערען מיט׳ן וואָרצעל, אַז דאָס יונגע טייבעלע זאָל נישט אַרויסגעוואָרפען ווערען פון נעסט, אַז דאָס שטילע שעפעלע זאָל נישט צוגענומען ווערען פון טשערעדע!... (היסטעריש) איך וועל איינרייסען וועלטען, איך וועל שפּאַלטען הימלען! איך וועל נישט אַוועקגעהן פון דאַנען, ביז מ׳וועט מיר נישט אומקערן די קרוין פון מיין קאָפּ!...

## מאיר.

געהט צו, ריהרט זי שטיל אָן, רעדט געלאַסען

חנה־אסתר, אפשר אַוועקזעצען אַ מנין זאָגען תהלים?

## עלטערע יודענע.

ציהט אַרויס דעם קאָפּ פון אָרון קודש. קוקט אויף מאיר׳ן נישט פאַרשטעהענדיג, מיט אַמאָל געאיילט

אַי, זעצט אַ מנין יודען תהלים זאָגען, זעצט! אָבער גיכער, גיכער! יעדע מינוט איז טייער! שוין צוויי טעג ווי זי ליגט נעבען אָהן אַ לשון און ראַנגעלט זיך מיט׳ן טויט!

## מאיר.

די רגע! אָט גלייך זעץ איך צעהן מענשען! (מיט א בעטענדיגען קול) אָבער מ׳דאַרף דאָך זיי עפּעס געבען פאַר דער טרחה... אָרימע לייט.

## עלטערע יודענע.

זוכט אין קעשענע.

נאַט אייך אַ גילן! אָבער זעהט, עס זאָל זיין געזאָגט.

## מאיר.

אַ גילן... צו דריי גראָשען אויף אַ פּאַרשוין... ווענינגליך...

## עלטערע יודענע.

ניטט הערענדיג איהם

קומט, קינדערלעך, לאָמיר לויפען אין אַנדערע קלויזען!

געהט געשווינד ארויס.

## דער משולח.

צום דריטען בטלן

אינדערפריה איז געקומען אַ יודענע עפענען דעם אָרון קודש פאַר אַ טאָכטער, וואָס געהט צוויי טעג צו קינד און קאָן נישט מוליד זיין. איצט איז געקומען עפענען דעם אָרון קודש אַ יודענע פאַר אַ טאָכטער, וואָס ראַנגעלט זיך צוויי טעג מיט'ן טויט...

## 3-טער בטלן.

נו, איז וואָס?

## דער משולח.

פערטראַכט

אַז אַ נשמה פון אַ מענשען, וואָס איז נאָך נישט געשטאָרבען, דאַרף אַריין אין אַ גוף, וואָס איז נאָך נישט געבוירען געוואָרען, קומט פאָר אַ געראַנגעל. שטאַרבט די קראַנקע, ווערט געבוירען דאָס קינד. ווערט די קראַנקע געזונט, וועט געבוירען ווערען אַ טויט קינד.

## 1-טער בטלן.

איבערראַשט.

אַי, אַי, אַי! ווי בלינד אַ מענש איז! ער זעהט נישט וואָס נעבען איהם טהוט זיך!

## מאיר.

געהט צו צום טיש.

נו, אַט האָט דער אויבערשטער צוגעשיקט אויף תּיקון. אָב-

זאָגען תהלים, מאַכען לחיים, און דער איבערשטער וועט זיך מרחם זיין און צושיקען דער קראַנקער אַ רפואה שלמה.

## 1=טער בטלן.

(צו די בחורים, וואָס זיצען פערשלאָפען ביים גרויסען טיש:)

בחורים! ווער וויל זאָגען תהלים? איהר וועט בעקומען יע־דערער צו אַ הערצענעם קיכעל. (די בחורים הויבען זיך אויף פון אָרט) מיר וועלען געהן אין חדר מיוחד.

(די דריי בטלנים, מאיר און די ישיבה־בחורים גייען אַוועק אין חדר מיוחד, באלד הויבט זיך אָן הערען פון דאָרט א וויינענדיג „אשרי האיש". ביים קלענערן טיש בלייבט די גאַנצע צייט אומבעוועגט דער משולח, וואָס לאָזט נישט אראָב דעם בליק פון אָרון קודש. לאַנגע פויזע. עס גייט אריין חנן.)

## חנן.

(ער מיד, גייט פערטראַכט, ווי אַהין א ציל, צום אָרון קודש. בעמערקט אז ער איז אָפען שטעלט זיך אָב איבערראַשט.)

דער אָרון קודש אָפען? ווער האָט איהם געעפענט? פאַר וועמען האָט ער זיך געעפענט אום האַלבער נאַכט? (קוקט אין אָרון קודש) ספרי תורות... שטעהען זיך צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע, רוהיגע, שווייגענדיגע. און אין זיי זענען פערבאָרגען אַלע סודות און רמזים, אַלע צרופים פון ששת ימי בראשית ביז דעם סוף פון אַלע דורות. און ווי שווער עס איז צו דערגעהן פון זיי אַ סוד אָדער אַ רמז, ווי שווער! (צעהלט די ספרי תורות) איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבען, אַכט, ניין ספרים. דאָס וואָרט „אמת", אין מספר קטן... און אין יעדען ספר—פיר עץ חיים'ס... ווייטער זעקס און דרייסיג! נישטאָ קיין שעה, איך זאָל זיך נישט אָנשטויסען אויף אָט דער צאָהל—און וואָס זי בעטייט, ווייס איך נישט. נאָר איך פיהל, אַז אין איהר ליגט דער גאַנצער תוכן... 36 איז די צאָהל פון לאה. דריי מאָל 36—איז חנן... לאה מאַכט „לא ה'", נישט גאָט... נישט דורך גאָט... (גיט אַ ציטער) וואָס פאַר אַ שרעקליכער געדאַנק, און ווי ער ציהט

מיך בו זיך...

## הענעך.

הייב אויף דעם קאָפּ, קוקט מיט קאָפּ אויף חנן'ען.

חנן! דו געהסט אום די גאַנצע צייט פאַר'חלום'ט...

## חנן.

טרעט אָב פון אָרון קודש. געהט לאַנגזאַם צו צו הענעכ'ן. שטעלט זיך אָב. פערטראַכט.

סודות, רמזים אָהן אַ סוף און דעם גלייכען וועג זעהט מען נישט... (קליינע פּויזע) דאָס שטעדטעל הייסט קראַסנע... דער בעל שם ר' א׳ח ן...

## הענעך.

וואָס זאָגסטו?

## חנן.

ווי אויפוואַכענדיג

איך? גאָרנישט... איך האָב געטראַכט...

## הענעך.

שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

האָסט זיך צו פיל אַריינגעטהון אין קבלה, חנן... זינט דו האָסט זיך אומגעקעהרט, האָסטו קיין ספר אין האַנט נישט גענומען.

## חנן.

נישט פערשטעהענדיג

קיין ספר אין האַנד נישט גענומען? וואָס פאַר אַ ספר?

## הענעך.

וואָס פרעגסטו? גמרא, פּוסקים, פערשטעהט זיך...

## חנן.

פאלץ נישט קומענדיג צו זיך.

גמרא?... פוסקים?... אין האנד נישט גענומען?... גמרא איז קאלט און טרוקען... פוסקים זענען קאלט און טרוקען. (קומט מיט אמאל צו זיך, לעבהאפט) אונטער דער ערד איז דא אקוראט אזא וועלט, ווי אויף דער ערד. דארטען זענען דא פעלדער און וועלדער, ימים און מדבריות, שטעט און דערפער. אין די פעלדער און מדבריות טראגען זיך דארט אום שטארקע שטורם-ווינטען, און אויף די ימים שווימען גרויסע אקרענטען און אין די געדיכטע וועלדער הערשט אנ'אייביגער פחד, און עס דונערן דונערן... נאר איין זאך איז דארטען נישטא. נישטא קיין הויכער הימעל, פון וואנען עס זאלען זיך טראגען פייערדיגע בליצען, פון וואנען עס זאל בלענדען די זון... אזוי איז גמרא. זי איז טיף, זי איז גרויס און הערליך. אבער זי שמידט-צו צו דער ערד, זי לאזט נישט פליהען אין דער הויך. (מיט התלהבות) און קבלה! און קבלה! זי רייסט אב די נשמה פון דער ערד! זי הויבט אויף דעם מענשען צו די העכסטע היכלות, זי עפענט פאר די אויגען אלע הימלען, זי פיהרט גלייך צום פרדס, זי ציהט זיך צום אין-סוף! זי ענטפלעקט א ברעג פון גרויסען פארהאנג... (תצרפס זיך אב) נישטא קיין כח... דאס הארץ חלש'ט...

## הענעך.

זעהר ערנסט.

אלץ אמת. אבער דו פערגעסט, אז פליהען ארויף מיט א התלהבות איז די גרעסטע סכנה. מ'קאן לייכט זיך אברייסען און אריינפאלען אין תהום אריין... גמרא הויבט די נשמה אין דער הויך, פאמעליך, אבער זי שיצט דעם מענשען ווי א געטרייער וועכטער, וואס שלאפט נישט און דרימעלט נישט, זי נעהמט ארום א מענשען ווי מיט אנ'אייזערנעם פאנצער און לאזט איהם נישט אבקעהרען פון גלייכען וועג נישט רעכטס, נישט לינקס. אבער קבלה? דו געדענקסט די גמרא. (מיט א גמרא-נגון) „פיר זענען אריין אין פרדס: בן עזאי, בן זומא, אחר און ר' עקיבא. בן עזאי

האָט אַריינגעקוקט און איז געשטאָרבען. בן זומא האָט אַריינגע-קוקט און איז אַראָב פון זינען. אחר האָט אונטערגעהאַקט די פלאַנצונגען, האָט כופר בעיקר געווען, און נאָר איין ר' עקיבא איז אַריין און אַרויס בשלום...

## חנן.

שרעק מיך נישט מיט זיי. מיר ווייסען נישט, ווי זיי זע-נען געגאַנגען און מיט וואָס זיי זענען געגאַנגען. אפשר זענען זיי געשטרויכעלט געוואָרען, ווייל זיי זענען געגאַנגען אָנקוקען, נישט מתקן זיין... אָט זעהען מיר דאָך, אַז נאָך זיי זענען גע-גאַנגען אַנדערע—דער אר"י הקדוש, דער בעל שם טוב הקדוש—און זענען נישט נכשל געוואָרען.

## העניעך.

דו גלייכסט זיך צו זיי?

## חנן.

איך גלייך זיך נישט. איך געה מיט מיין וועג...

## העניעך.

מיט וואָס פאַר אַ וועג?

## חנן.

דו וועסט מיך נישט פערשטעהן.

## העניעך.

איך וועל דיך פערשטעהן. מיין נשמה ציהט זיך אויך צו די הויכע מדריגות.

## חנן.

טראַכטענדיג אַ ווײַלע

די עובדה פון צדיקים בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי ריי-

ניגען אָב מענשליכע נשמות, רייסען פון זיי אַראָב די קליפּה פון זינד און הויבען זיי אויף צו זייער ליכטיגען מקור. די עובדה איז אַ שווערע, ווארום „ביים טהיר הויערט די זינד״. אָבגעריי־ניגט איין נשמה, קומט אויף איהר אָרט אַנ׳אַנדערע, אַ בעפלעקטע מיט נאָך מעהר זינד. געבראַכט צו תשובה איין דור, קומט אויף זיין אָרט אַנ׳אַנדערער, נאָך אַ מעהר האַרטנעקיגער... און די דורות ווערען אַלץ שוואַכער און די זינד אַלץ שטאַר-קער, און צדיקים—אַלץ ווייניגער.

## הענעך.

וואָס זשע דאַרף מען נאָך דיין שיטה נאָך טהון?

## חנן.

שטיל, גאָר זעהר זיכער

מ׳דאַרף נישט קיין מלחמה האַלטען מיט דער זינד, נאָר אויסבעסערן זי. ווי אַ גאָלדשמיד לייטערט גאָלד אין אַ שטאַר-קען פייער, ווי אַנ׳ערד-אַרבייטער זיפּט אָב פולע קערנער פון פוסטע קאָסטרע, אַזוי דאַרף מען אויסלייטערן די זינד פון איהר טומאה, אַזוי, אַז אין איהר זאָל בלייבען נאָר קדושה...

## הענעך.

פערוואונדערט

קדושה אין זינד? פון וואַנען קומט דאָס?

## חנן.

אַלץ, וואָס גאָט האָט בעשאַפען, האָט אין זיך אַ פונק פון היילגקייט...

## הענעך.

זינד האָט בעשאַפען נישט גאָט, נאָר די סיטרא אחרא!

## חנן.

און ווער האָט די סיטרא אחרא בעשאַפען? אויך גאָט.

סיטרא אחרא הייסט די צווייטע זייט פון גאָט. ווי באַלד זי איז אַ זייט פון גאָט, מוז זי האָבען אין זיך קדושה.

## העניך.

ערשיטערט

קדושה אין דער סיטרא אחרא!! איך קאָן נישט! איך פער-שטעה נישט! לאָז מיך בעטראַכטען! (לאָזט אראָב דעם קאָפּ צוגעדריקט צו די הענד, אויפ'ן שטענדער. פויזע).

## חנן.

געהט צו, בויגט זיך צו צו איהם, מיט א ציטערנדיגען קול

וואָסער זינד איז די שטאַרקסטע? וואָסער זינד איז שווע-רער ווי אַלע מנצח צו זיין? די זינד פון אַ גלוסטונג צו אַ נקבה? יאָ?

## העניך.

נישט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ

יאָ...

## חנן.

און אַז מ'לייטערט אויס אָט די זינד אין אַ שטאַרקען פייער, ווערט פון דער גרעסטער טומאה די העכסטע קְדושה, ווערט „שיר השירים" (מיט אַ פערלאָשענעם אָטעם) „שיר השירים"! (גלייכט זיך אויס און מיט אַנ'ענטציקונג־התלהבות הויבט ער אָן שטיל זינגען) „שען ביזטו מיין בעשערטע, שען ביזטו. דיינע אויגען ווי טוי-בען קוקען אַרויס פון אונטער דיינע אויג-ברעמען. דיינע האָר זענען ווי אַ טשערעדע ציגעלעך, וואָס לויפען אַראָב פון באַרג גלעד. דיינע ציין זענען ווי אַ טשערעדע שאָף, וואָס האָבען זיך נאָר-וואָס אויסגעבאָדען, און אַלע זענען זיי צווילינגען און קיין שום אומפרוכפּערדיגע איז נישטאָ צווישען זיי...

פון חדר מיוחד געהט אַרויס מאיר. עס הערט זיך אַ שטילער קלאַפּ אין טהיר. זי עפענט זיך אומזיכער. עס געהען אַריין לאה פיהרענדיג פאַר'ן

האַנד פֿראַדען, נאָך זיי גיטל. שטעלען זיך אָב ביים טהיר.

## מאיר.

דערזעהענדיג זיי, זעהר פֿערוואונדערט. מיט אַ חניפֿהדיג־ענטציקטען קול

זעה?... ר׳ סנדר׳ס טאָכטער?... לאה׳לע?...

## לאה.

פֿערשעמט

איהר געדענקט, איהר האָט צוגעזאָגט ווייזען מיר די אַל-טע געשטיקטע פרוכת׳ן...

ווי נאָר עס דערהערט זיך איהר קול, האָקט איבער חנן דעם זינגען. ער קוקט מיט ברייט געעפֿענטע אויגען אויף לאה׳ן. די גאַנצע צייט—אָדער ער קוקט אויף איהר אָדער ער שטעהט מיט געשלאָסענע אויגען אין איין עקסטאַז.

## פֿראַדע.

ווייז איהר, מאיר׳קע, די פרוכת׳ן, די אַלטע, די שענסטע׳ ווייז איהר... לאה׳לע האָט צוגעזאָגט אויסשטיקען צו דער מאַמעס יאָהרצייט אַ פרוכת. אויסשטיקען וועט זי איהם מיט גינגאָלד אויף דעם בעסטען סאַמעט, ווי מ׳פלעגט אַמאָל אויסשטיקען מיט לייבעלעך, מיט אָדלערס. וועט מען אויפהענגען דעם פרוכת אויפ׳ן אָרון קודש, וועט איהר מאַמעס כשר׳ע נשמה פרעהען זיך אין גן עדן.

לאה קוקט זיך נישט זיכער ארום, בעמערקט חנן׳ען, לאָזט אַראָב די אויגען און בלייבט אַזוי די גאַנצע צייט מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען, אָנגעשטרענגט.

## מאיר.

אָך, מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען! ווי דען! ווי דען! די רגע ברענג איך די פרוכת׳ן, די שענסטע, די עלטסטע.

געהט צום קאַסטען ביים גאַס־טהיר און נעהמט פֿון דאָרטען ארויס פרוכת׳ן.

## גיטל.

כאַפּט אָן לאה׳ן ביים האַנד

לאה׳לע, האָסט קיין מורא נישט ביינאַכט אין שוהל?

### לאה.

איך בין קיינמאָל נישט געווען ביינאַכט אין שוהל... חוץ שמחת תורה, נאָר שמחת תורה איז ליכטיג און פרעהליך, און איצטער... ווי טרויעריג דאָ איז, ווי טרויעריג!

### פראַדע.

סעכטערלעך, אין אַ שוהל מוז זיין טרויעריג. אום האלבע נאַכט קומען אהער מתים דאַווענען און לאָזען דאָ זייער טרויער.

### גיטל.

באָבעניו! רעדט נישט וועגען טויטע, איך האָב מורא!

### פראַדע.

נישט הערענדיג די

און אַלע פריהמאָרגען, אַז דער אַלמעכטיגער וויינט אויפ'ן חורבן בית המקדש, פאַלען זיינע הייליגע טרעהרען אין די שוה-לען. דערפאַר זענען אין די אַלטע שוהלען די ווענט פערוויינטע. און מ'טאָר זיי נישט קאַלכען. אַז מען קאַלכט זיי, בייזערן זיי זיך און וואַרפען מיט שטיינער.

### לאה.

ווי אַלט די איז, ווי אַלט! פון דרויסען האָב איך דאָס נישט אַזוי באַמערקט.

### פראַדע.

אַלט, זעהר אַלט, טאָכטערל. מ'זאָגט אפילו, אַז מ'האָט די געפונען אַ געבויטע אונטער דער ערד. וויפיל חורבנות זענען דאָ געווען, וויפיל מאָל איז די גאַנצע שטאָט אָבגעברענט, און זי איז גאַנץ געבליבען. איין מאָל נאָר האָט זיך אין איהר אָנ-געכאַפּט דער דאַך, זענען אָנגעפלויגען טייבעלעך, אָהן אַ צאָהל

טייבעלעך, האָבען גענומען פאָכען מיט די פליגעלעך און פער-לאָשען דעם פייער.

## לאה.

ניסט הערענדיג זי, ווי פאר זיך

ווי טרויעריג דאָ איז און ווי ליבליך! מיר ווילט זיך נישט אוועקגעהן פון דאַנען, מיר ווילט זיך צופאַלען צו די פערוויינטע ווענט, אַרומנעהמען זיי האַרציג און פרעגען: פאַרוואָס זיי זענען אַזוי טרויעריג און פערטראַכט, אַזוי שטיל און פערזאָרגט. איך וואָלט וועלען... איך ווייס אַליין נישט וואָס, נאָר מיין האַרץ צורייסט זיך פון צאַרטקייט און רחמנות...

## מאיר.

ברענגט צום בימה פרוכת׳ן, שפרייט פונאנדער איינעם

אָט דער איז דער עלטסטער. מעהר ווי צוויי הונדערט יאָהר אַלט, מ׳הענגט איהם אויף נאָר אויף פסח.

## גיטל.

ענטציקט

זעה, לאה׳לע, וואָס פאַר אַ פראַכט! אויף האַרטען ברוינעם סאַמעט איז אויסגעשטיקט מיט דיקע גאָלד צוויי לייבען. זיי האַלטען אַ מגן דוד. ביי ביידע זייטען צוויי בוימער און אויף זיי טויבען! איצט איז נישט צו קריגען נישט אַזאַ סאַמעט, נישט אַזאַ גאָלד.

## לאה.

דער פרוכת איז אויך אַ האַרציגער און אַ טרויעריגער.

גלעט איהם און קושט

## גיטל.

כאַפּט אָן לאה׳ן ביים האַנד, שטיל

זעה, לאה׳לע. דאָרטען שטעהט אַ בחור און קוקט אויף דיר! ווי מאָדנע ער קוקט אויף דיר!

### לאה.

נאָך מעהר אַראָבלאָזענדיג די אויגען

דאָס איז אַ ישיבה-בחור... חנן... ער האָט ביי אונז געגעסען טעג...

### גיטל.

ער קוקט אויף דיר אַזוי, ווי ער וואָלט דיך רופען מיט די אויגען. ער וויל אודאי צוגעהן, נאָר ער וואַגט זיך נישט.

### לאה.

איך וואָלט וועלען וויסען, פאַרוואָס ער איז אַזוי בלייך און טרויעריג. ער האָט געמוזט קראַנק זיין...

### גיטל.

ער איז גאָרנישט טרויעריג, ביי איהם פינקלען די אויגען.

### לאה.

ביי איהם פינקלען שטענדיג די אויגען. אַזעלכע אויגען ביי איהם. און אַז ער רעדט מיט מיר, פערכאַפּט ביי איהם דער אָטעם. און ביי מיר אויך.. עס איז דאָך נישט פּאַסיג, אַז אַ מיידעל זאָל ריידען מיט אַ פרעמדען בחור...

### פראַדע.

צו מאיר'ן

וואָלסט אונז געבען, מאיר'קע, אַ קוש טהון די ריינינקייטען. ווי איז דאָס: זיין צו גאַסט ביי גאָט און נישט אַ קוש טהון זיין הייליגע תורה.

### מאיר.

אדרבא! אדרבא! קומט.

ער געהט פּאָראויס. גיטל פיהרט פראַדע'ן, נאָך זיי לאה. מאיר נעהמט ארויס אַ ספר־תורה גיט פראַדע'ן קושען.

## לאה

אויסגלייכענדיג זיך מיט חנן'ען, שטעלט זיך אויף א רגע אָב, שטיל

גוט'ן אָוועגד, חנן... איהר זייט צוריקגעקומען?

## חנן

מיט א פערכאַפטען אָטעם

## פראָדע

קום, לאה'לע, קושען די רייניגקייט! (לאה געהט־צו צום אָרון קודש. מאיר דערלאַנגט איהר די ספר תורה. זי כאַפּט זי אַרום, פאַלט צו איהר צו מיט די ליפּען. קושט זי ליידענשאַפטליך) נו, טאָכטערל, גענוג! א רייניגקייט טאָר מען לאַנג נישט קושען. רייניגקייטען זענען דאָך געשריבען מיט שוואַרצען פייער אויף ווייסען פייער! (מיט אמאָל שטאַרק דערשראָקען) אוי, ווי שפּעט עס איז, ווי שפּעט! קומט, טעכ-טערלעך, אַהיים, קומט גיכער אַהיים!

געהען געאיילט אוועק. מאיר פערמאַכט דעם אָרון קודש, געהט אַרויס נאָך זיי.

## חנן

שטעהט א ווייל מיט געשלאָסענע אויגען, הויבט אָן ווייטער זינגען „שיר השירים“ פון דעם אָרט, וואו ער האָט איבערגעריסען

„ווי אַ פורפור־פאָדים זענען די ליפּען דיינע און דיינע לעפצען זענען אייטל-שעהן. ווי אַ גראַנאַט-עפּעל זענען די שלייפען דיינע אונטער דיין דעקטוך“.

## העניך

הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אויף חנן'ען

חנן, וואָס זינגסטו? (חנן ווערט ענטשוויגען, עפענט די אויגען, קוקט אויף העניכ'ן) דיינע פאות זענען נאַס, ביזט נאָר-וואָס ווידער גע-ווען אין מקוה.

## חנן

יאָ.

### הענעך

בשעת דו ביזט זיך טובל, בענצטו שמות? פּראַוועסט כוונות און יחודים לויט'ן „ספר רזיאל"?

### חנן

יאָ.

### הענעך

און דו האָסט קיין מורא ניט?

### חנן

ניין.

### הענעך

און דו פֿאַסט משבת לשבת? דיר איז דאָס נישט שווער?

### חנן

מיר איז שווערער שבת צו עסען, איידער די גאַנצע וואָך צו פֿאַסטען. איך האָב אָנגעוואָרען דעם גלוסט צו עסען. (פּויזע)

### הענעך

אינטים

פֿון וואָס וועגען טהוסטו דאָס אַלץ? וואָס ווילסטו דערמיט דערגרייכען?

### חנן

ווי ריידענדיג צו זיך

איך וויל... איך וויל דערגרייכען אַ קלאָרען און פֿינקלענדיגען דימענט. צושמעלצען איהם אין טרעהרען און אריינזאַפּען אין מיין נשמה... איך וויל דערגרייכען די שטראַהלען פֿון'ם דריטען היכל, פֿון דער דריטער ספירה—תפארת... איך וויל...

(מיט אמאָל זעהר אומרוהיג) יאָ! איך מוז נאָך בעקומען צוויי פעס־לען מיט גילדענע רענדלעך... פאַר יענעם, וואָס קען ־פאַר צעה־לען רענדלעך...

## הענעך

ערשטוינט

אַט וואָס?... זעה, חנן, היט זיך, דו שטעהסט אויף אַ גלי־טשיגען וועג... דורך הייליגע כחות וועסטו דאָס אַלץ נישט דער־גרייכען...

## חנן

קוקט איהם אָן דרייסט

און אַז נישט דורך הייליגע? האַ? אַז נישט דורך היי־ליגע?

## הענעך

שטאַרק דערשראָקען

איך האָב מורא מיט דיר צו ריידען, איך האָב מורא צו שטעהן נעבען דיר!

געהט געאיילט אַרויס. חנן בלייבט אומבעוועגט מיט אַ דרייסטען אויסדרוק.

פון גאַס געהט אַריין מאיר, פון חדר מיוחד 1־טער בטלן.

## 1=טער בטלן

אָבגעזאָגט אַכצעהן קאַפּיטלעך תהלים און גענוג. וואָס, דעם גאַנצען תהלים אָבזאָגען פאַר אַ גילן? איז רייד מיט זיי, האָבען זיך אַריינגעזאָגט—זאָגען זיי ווייטער.

עס לויפט אַריין אשר זעהר פערהאַוועט.

## אשר

נאָר־וואָס בעגעגענט ברוך דעם שניידער. ער איז געקומען פון קלימאָווקע, וואו סנדר איז זיך צונויפגעפאָהרען מיט די מחותנים, און זאָגט, אַז מ'איז נישט דורכגעקומען. סנדר האָט

געמאָהנט בײם חתנ׳ס צד צעהן יאָהר קעסט, און די מחותנים האָבען געגעבען נאָר פינף—איז מען זיך צופאָהרען...

### מאיר

סוין דאָס פערטע מאָל!

### 3־טער בטלן

חאָס פאַר אַ האַרצוועהטאָגן

### דער משולח

צום 3־טען בטלן מיט אַ שמײכעל

איהר האָט אַליין געזאָגט, אַז אַ שדוך טהוט מען מיט דעם, וועלכער איז בעשערט.

### חנן

גלײכט זיך אויס, מיט העכסטער צעגײסטערונג

איך האָב ווידער מנצח געווען!

פאַלט אָהן כח אויפ׳ן באַנק און בלײבט זיצען מיט אַנ׳אויסדרוק פון גליק אויפ׳ן פנים.

### דער משולח

נעהמט זײן זאַק, נעהמט ארויס פון איהם אַ לאַמטערנע.

צײט קלײבען זיך אין וועג.

### מאיר

וואָס אײלט איהרז

### דער משולח

איך בין דאָך אַ משולח. פריצים שיקען דורך מיר אײנער צום אַנדערן ווײכטיגע ידיעות, זעלטענע חפצים. דאַרף איך זיך אײלען. די צײט איז נישט מײנע.

### מאיר

איהר וואָלט כאָטש וואַרטען ביז עס וועט אָנהויבען טאָגען.

## דער משולח

צום טאָגען איז ווייט, און מיין וועג איז לאַנג. אַרום האַלבע נאַכט וועל איך אַרויסגעהן.

## מאיר

דרויסען איז שטאָק-פינסטער.

## דער משולח

מיט מיין לאַמטערן וועל איך נישט פערבלאָנדזשען.

פון חדר מיוחד געהען צרויס 2-טער און 3־טער בטלנים און די ישיבה־בחורים.

## 2־טער בטלן

מזל-טוב! זאָל דער אויבערשטער צושיקען אַ רפואה שלמה דער תולנית!

## אַלע

הלואי, אמן!

## 1־טער בטלן

געדאַרפט איצט פאַר׳ן גיכן קיפען אַ ביסעל משקה און קיכלעך.

## מאיר

איך האָב שוין צוגעגרייט. (נעהמט אַרויס פון ביזים אַ פלעשעל און קיכלעך) קומט אין פאָליש, וועלען מיר דאַרטען מאַכען „לחיים".

עס עפענט זיך ברייט די טהיר און עס געהט אַריין סנדר אין אַ פונאַנדערגע־שפילעטען בגד, די היטעל אַרויפגערוקט. פרעהליך. נאָך איהם דריי—פיר יודען.

## מאיר און די בטלנים

צוזאַמען

אַ ר׳ סנדר! ברוך הבא!

## סנדר

געפּאָהרען פאַרביי קלויז—קלער איך, מען דאַרף אַריינגעהן ט ױך טהון, וואָס טהוען אנשי שלומינו. (בעמערקט די פלעשעל ביי מאיר'ן) געמיינט, זיי זיצען און לערנען אָדער ריידען וועגען היכע ענינים. ערשט זיי קלייבען זיך גאָר טרינקען תּקון! כאַ־כאַ! אמת'ע מיראָפּאָליער חסידים!

## 1־טער בטלן

איהר וועט מיט אונז נעהמען אַ קאָפּעטשקע, ר' סנדר.

## סנדר

פּרא אדם! איך וועל אַליין שטעלען תּקון, און אַ פיינעם תּקון. גיט מיר אָב מזל-טוב! אין אַ גוטער שעה פער'קנס'ט די טאָכטער.

חנן כאַפּט זיך אויף פון אָרט ערשיטערט

## אַלע

מזל־טוב! מזל-טוב!

## מאיר

און אונז האָט מען נאָר-וואָס אָנגעזאָגט, אַז איהר זייט נישט דורכגעקומען מיט'ן מחותּן. און דער ענין איז בטל געוואָרען.

## 3־טער בטלן

מיר האָבען זיך אַזוי מצער געווען!

## סנדר

געוועזט טאַקע בטל געוואָרען, נאָר אין דער לעצטער רגע האָט דער מחותּן מסכּים געווען און מיר האָבען געשריבען למזל תּנאים.

## חנן

תּנאים?!... תּנאים?!... ווי הייסט? ווי קאָן דאָס זיין?!... (גין

(גרויס פערצווייפלונג) האבען, הייסט דאס, נישט געהאלפען נישט די תעניתים, נישט די מקואות, נישט די צרופים, נישט די סגופים? אלץ אומזיסט?... וואס-זשע איצטער?... מיט וואסער וועג? מיט וואסערע כחות? *(כאפט זיך פאר'ן ברוסט, גלייכט זיך אויס, מיט א התלהבות-דיגען פנים)* א—א—א!... פאר מיר ענטפלעקט זיך דער סוד פון גרויסען צווייפאכיג-אויסגעדריקטען שם!!! איך... זעה איהם!!... איך... איך... איך האב מנצח... געווען!!! *(פאלט אויף דער ערד)*.

## דער משולח

*עפענט דעם לאמטערן*

דאס ליכטעל האט אויסגעברענט. מען דארף אנצינדען א נייעס.

*שרעקענדיגע פויזע*

## סנדר

מאיר! וואס איז דא אזוי פינסטער? וואלסט אנצינדען ליכט,

*מאיר צינדט אן*

## דער משולח

*געהט שטיל צו צו סנדר'ן*

זייט איהר מיט דעם מחותן דורכגעקומען?

## סנדר

*קוקט איהם אן פערוואונדערט, א ביסעל דערשראקען*

יא...

## דער משולח

עס טרעפט, אז מחותנים זאגען צו און האלטען נישט האַרט. עס דערגעהט אנ'אנדערש מאל צו א דין-תורה. מ'דארף זיין זעהר אבגעהיט...

## סנדר

*דערשראקען צו מאיר'ן*

ווער איז דער יוד? איך קאן איהם נישט?

מאיר

ער איז אַ נישט־היגער, אַ משולח...

סנדה

וואָס וויל ער פון מיר?

מאיר

איך ווייס נישט.

סנדר

בערוהיגענדיג זיך

אשר! גיב אַ שפּרונג צו מיר און זאָג, אַז איך האָב גע־הייסען צוגרייטען משקה, איינגעמאַכטס און אַ גוטען פערבייסען. געשווינד, אויף איין פוס. (אשר לויפט ארויס) ביז מען וועט דאַר־טען צוגרייטען, וועלען מיר דאָ אַ ווײלע זיצען און פערברענ־גען... אפשר וויים ווער אַ נייעם וואָרט פון אונזער רבי'ן, אַ מופת, אַ משל. יעדע תנועה זיינע איז טייערער פון פערל.

1־טער בטלן

צו מאיר'ן

בעהאַלט דאָס פלעשעל. וועט צונוץ קומען אויף מאָרגען.

מאיר בעהאַלט

דער משולח

איך וועל אייך דערצעהלען זיינעם אַ משל. עס איז גע־קומען צום רבי'ן אַ חסיד, אַ גביר, נאָר אַ גרויסער קמצן. האָט דער רבי איהם אָנגענומען פאַר'ן האַנד, צוגעפיהרט צום פענ־סטער און געזאָגט: „קוק". האָט דער גביר אַרויסגעקוקט אויפ'ן גאַס. פרעגט איהם דער רבי: „וואָס זעהסטו?" ענטפערט ער: „איך זעה מענשען." נעהמט איהם ווידער דער רבי פאַר'ן האַנד און פיהרט איהם צום שפּיגעל און זאָגט: „קוק, וואָס זעהסטו איצט?" ענטפערט ער: „איצט זעה איך זיך", זאָגט איהם דער

רבי: „פערשטעהסט דו מיך. אין פענסטער איז גלאָז און אין שפיגעל איז גלאָז. נאָר די גלאָז פון שפיגעל איז אַ ביסעל בע-זילבערט. און ווי באַלד נאָר בעזילבערט, הערט מען אויף צו זעהן מענשען און מען הויבט אָן זעהן נאָר זיך".

## 3־טער בטלן

אָ! אָ! אָ! מתוק מדבש.

## 1־טער בטלן

הייליגע ווערטער!...

## סנדר

צום משולח

האַ? וואָס?... איהר האָט דאָס מיר געוואָלט אַ שטאָך טהון?..

## דער משולח

חס ושלום.

## 2־טער בטלן

געדאַרפט עפּעס זינגען. (צום 3־טען בטלן) זאָג דעם רבי׳ס נגון!

3 טער בטלן הויבט אָן זינגען אַ שטילען מיסטישען חסידישען נגון. אַלע אַלע העלפען אונטער.

## סנדר

לאָפּט זיך אויף פון אָרט

און איצט אַ טאַנץ, אַ ריקודל! וואָס? סנדר גיט אויס זיין בת־יחידה און מען זאָל נישט מאַכען אַ ריקודל? וואָס פאַר מי-ראָפּאָליער חסידים וואָלטען מיר געווען! סנדר, די דריי בטלנים און מאיר לעגען אַרויף איינער דעם צווייטען די הענד אויף די אַקסלען, מאַכען אַ רעדעל, פערגלאָצען די אויגען, זינגען אַ מאָנאָטאָן־מיסטישען נגון און דרעהען זיך לאַנגזאַם אויף איין אָרט. סנדר רייסט זיך אַרויס פון רעדעל, פרעהליך) און איצט אַ פרעהליכען טענצעל. אַלע אַהער!

## 2־טער בטלן

בחורים! בחורים! אַלע אַהער! (עס גערען צו עטליכע בחורים)
הענער! חנן! וואו זייט איהר? אַהער! אַ פרעהליכען ריקודל!

## סנדר

אַ ביסעל צומישט

אַ—אַ! חנן! מיין חנן׳קע איז דאָך דאָ! וואו איז ער? וואו איז ער! ברענגט איהם מיר אַקאָרשט אַהער!

## מאיר

דערזעהט חנ׳ען אויף דער ערד

ער שלאָפט גאָר אויף דער ערד.

## סנדר

וועק איהם אויף, וועק איהם אויף!

## מאיר

וועקט איהם. דערשראָקען

ער וואַכט נישט אויף!

אַלע גערען צו, בויגען זיך אַן, וועקען

## 1־טער בטלן

שרייט־אויס דערשראָקען

ער איז געשטאָרבען!!

## 3־טער בטלן

ביי איהם פון האַנד איז אַרויסגעפאַלען דער ספר „רזיאל המלאך״!!

אַלע זענען ערשיטערט.

## דער משולח

ער איז געניזוקט געוואָרען.

(פאָרהאַנג)

# צוויי'טער אקט.

אַ פּלאַץ אין בּריניץ. לינקס—די אַלטע הילצערנע קלויז, פאַרצייטיגע אַרכיטעקטור. פאַר'ן קלויז, אַ ביסעל אָן אַ זייט, אַ בערגעל מיט אַנ׳אַלטען מצבה־שטיין, וואָס אויף איהם איז אויפגעשריבען: „פּ. נ. הקדושים והטהורים, חתן וכלה, שנהרגו על קידוש השם, שנת ת״ח, לפ״ק. ת׳נ׳צ׳ב׳ה״. נאָכ'ן קלויז—אַ געסעל, און אַ פּאָר קליינע הייזלעך, וואָס גיסען זיך צונויף מיט דער דעקאָראַציע. רעכטס—סנדר'ס הויז, אַ גרויסע הילצערנע הויז מיט אַ גאַניק. נאָכ'ן הויז אַ ברייטער טויער פון הויף, ווייטער, אַ געסעל, אַ רייה קרעמלעך, וואָס גיסען זיך אויך צונויף מיט דער דעקאָראַציע. אויף דער דעקאָראַציע רעכטס, נאָך די קראָמען, אַ קרעטשמע, אַ גרויסער פריצ'ישער גאָרטען, דעם פריצ'ס פּאַלאַץ. אַ ברייטע וועג לאָזט זיך אַראָב צום טייך. אויף יענער זייט טייך אויפ'ן הויכען ברעג אַ בית־עולם מיט מצבות. לינקס אַ בריק איבער'ן טייך, אַ מיהל, נעהנטער אַ מרחץ, דעי הקדש. אויפ'ן פאָן—אַ געדיכטער וואַלד.

די טויערן פון סנדר'ס הויף זענען ברייט געעפענט. אין הויף שטעהען לאַנגע טישען, וואָס ציהען זיך און געהען אַרויס אויפ'ן פּלאַץ. די טישען זענען געגרייט און אַרום זיי זיצען אָרימעלייט, קאַליקעס, אַלטע און קינדער, און עסען ווי הונגעריגע. שאַרוועררס געהען אַרויס פון שטוב מיט גרויסע פּאָלומעשקעס מאכלים און קערב מיט ברויט און דערלאַנגען צום טיש.

פּאָר די קרעמלעך און הייזער זיצען ווייבער, מאַכען זאָקען און לאָזען ניט אַראָב די אויגען פון סנדר'ס הויז. בעלי־בתים און בחורים געהען

ארויס פון קלויז מיט טלית און תפילין און געהען אין די הייזער און קראָמען, אנדערע שטעלען זיך אָב אין רעדלעך. פון סנדר'ס הויף הערט זיך אַ מוזיק־שפּיל, טענץ און אַ טומעל־געשפּרעך.

אָוועגד. אין מיטען גאַס, פאַר דער קלויז, שטעהט דער חתונה־אורח, אַ בעיאָהרענטער יוד אין אַנ'אַטלעסענער זשופּיצע, פּערלעגט די הענד הינטער'ן גאַרטעל. נעבען איהם דער צווייטער בטלן.

## דער אורח

קוקט אַרום די שוהל

אַ געהויבענע שוהל ביי אייך... אַ פיינע, אַ גרויסע, די שכינה רוהט אויף איהר. ווייזט אויס, זעהר אַנ'אַלטע?

## 2־טער בטלן

זעהר אַנ'אַלטע. זקנים זאָגען, אַז זייערע זיידעס האָבען נישט געדענקט, ווען מ'האָט זי געבויט.

## דער אורח

דערזעהט די מצבה

און וואָס איז דאָס? (געהט צו, לייענט) „פה נקברו הקדושים והטהורים, חתן וכלה, שנהרגו על קדוש השם, שנת ת"ח". אַ חתן מיט אַ כלה גע'הרג'עטע אויף קדוש השם?

## 2־טער בטלן

אַז דער צורר חמעליוק, ימח שמו, איז אָנגעפאַלען מיט זיינע קאָזאַקען אויפ'ן שטאָט און האָט אויסגעקוילעט אַ העלפט יודען, האָט ער גע'הרג'עט אַ חתן מיט אַ כלה, בשעת מען האָט זיי געפיהרט צו דער חופה. מען האָט זיי מקבר געווען דאָ אויפ'ן אָרט, וואו מ'האָט זיי גע'הרג'עט, ביידען אין איין קבר, און פון דעמאָלט אָן רופט מען איהם דער „הייליגער קבר'ל". (שטיל, ווי אַ געהיימניש) יעדען מאָל, בשעת דער רב איז מסדר קדושין, הערט ער זיפצען פון קבר'ל... און ביי אונז איז פון לאַנג אָן אַ מנהג, אַז נאָך דער חופה געהט מען מאַנצען אַרום

קבר׳ל, משמח זיין די בעגראָבענע חתן און כלה...

## דער אורח

אַ פיינער מנהג!

(פון סנדר׳ס הויף געהט אַרויס מאיר, נעהט צו)

## מאיר

מיט היץ

איז עס אַנ׳אָרים-מאָלצייט! זינט איך שטעה אויף די פיס, האָב איך אַזאַ אָרים-מאָלצייט נישט געזעהן!

## דער אורח

קיין חידוש נישט, סנדר גיט אויס זיין בת־יחידה...

## מאיר

מיט התלהבות

מ׳טיילט יעדערן צו שטיק פיש, נאָכדעם צו שטיק געבראָטענס, און נאָך צימעס! און פאַר דער סעודה האָט מען געטיילט בראָנפען און לעקעך! דאָס דאַרף דאָך אָבקאָסטען מיליאָנען געלר, נישט צו משער זיין!

## 2־טער בטלן

סנדר ווייס וואָס ער טהוט. אַז מ׳איז נישט יוצא פאַר איין געררופענעם אורח, איז נישטאָ קיין גרויסע אחריות. ווערט ער זיך בלאָזען! אָבער אַז מ׳איז נישט יוצא פאַר אָרימעלייט, איז טאַקע אַ גרויסע סכנה... מ׳קאָן דאָך קיינמאָל נישט וויסען, ווער עס געפינט זיך אין די בגדים פון אַנ׳אָרימאַן. אפשר אַ בעטלער און אפשר גאָר אַנדערש ווער. אַ נסתר, אַ ל־ו׳ניק...

## מאיר

פאַרוואָס נישט אליהו הנביא? ער ווייזט זיך דאָך אַלעמאָל אין געשטאַלט פון אַנ׳אביון.

## דער אורח

אָבגעהיט דאַרף מען זיין נישט נאָר מיט אָרימעלייט. ווע־גען קיין מענשען קאָן מען נישט וויסען, ווער ער איז, ווער ער איז געוועז אין פריהערדיגען גלגול און צוליב וואָס ער איז גע־קומען אויף דער וועלט.

(פון געסעל לינקס געהט אַרויס דער משולח מיט'ן זאַק אויף די פּלייצעס)

## מאיר

דערזעהענדיג דעם משולח, געהט־צו צו איהם

שלום־עליכם. איהר זייט ווידער געקומען צו אונז?

## דער משולח

מען האָט מיך ווידער געשיקט אַהער.

## מאיר.

איהר זייט געקומען אין אַ גוטער צייט, צו אַ גבירי'שער חתונה.

## דער משולח

וועגען דער חתונה רעדט מען אין דער גאַנצער געגענט.

## מאיר

איהר האָט אפשר געטראָפען וואו אין וועג די מחותנים? זיי האָבען פערשפּעטיגט.

## דער משולח

דער חתן וועט קומען בעצייטענס.

געהט צום קלויז. דער אורח, 2־טער בטלן און מאיר געהען אין הויף. הינטער די טישען בעוויזט זיך לאה אין חתונה־קליידער, דרעהט זיך טאַנצענדיג מיט איינע נאָך די אַנדערע פון די אַלטע אָרימע יודענעס. אַנדערע אָרימע ציהען זיך צו איהר. די וואָס האָבען געענדיגט טאַנצען געהען אַרויס אויפ'ן פּלאַץ, מאַכען רעדלעך.

### אַ יודענע מיט אַ קינד

קאָנטעט

איך האָב געטאַנצט מיט דער כלה.

### אַ הינקעדיגע

איך אויך. האָב זי אַרומגענומען און געטאַנצט. כי, כי!

### דער האָרבאַטער

וואָס טאַנצט עפּעס די כלה נאָר מיט ווייבער? איך וואָלט אויך וועלען אַרומנעהמען זי און דרעהען זיך מיט איהר, כע, כע, כע!

### עטליכע אָרימעלייט

כע, כע, כע!

עס געהען אַרויס פון שטוב אויפ׳ן גאַניק פראַדע, גיטל, בתיה.

### פראַדע

אומרוהיג

וועה איז מיר! לאה׳לע טאַנצט נאָך אַלץ מיט די אָרימע־לייט. ביי איהר וועט זיך דער קאָפּ פערדרעהען. טעכטערלעך, ברענגט זי צו פיהרען אַהער.

זעצט זיך אויף אַ בענקעל. גיטל און בתיה געהען צו לאה׳ן

### גיטל

געזונג, לאה׳לע, צו טאַנצען. קום.

### בתיה

דיר וועט זיך דאָס קעפּעלע פערדרעהען.

זי און גיטל נעהמען אָן לאה׳ן פאַר די הענד און ווילען זי אָפּפיהרען

### די אָרימע ווייבער

רינגלען אַרום לאה׳ן מיט אַ בעטענדיגען, וויינענדיגען געשריי

—זי האָט נאָך מיט מיר נישט געטאַנצט! מיט וואָס בין

איך ערגער פאַר אַנ׳אַנדערער?

—אַ גאַנצע שעה ווי איך וואַרט, זי זאָל מיט מיר טאַנצען!

—לאָזט מיך. נאָך עלקע׳ן דאַרף איך מיט איהר טאַנצען.

—מיט דער הינקעדיקער יחנה האָט זי זיך געדרעהט אפשר צעהן מאָל, און מיט מיר אפילו איין מאָל נישט! איך האָב צו גאָרנישט קיין מזל!

מאיר געהט ארויס פון הויף שטעלט זיך אויף בענקעל

## מאיר

אויפ׳ן קול מיט א געזאנג, ווי א מארשעלאָק

האָט געלאָזט בעטען דער מחותן דער גביר
אַלעמען קומען אין שפּייכלער צום טהיר!
ס׳וועט טיילען נדבות ר׳ סענדער אַליין
צו צעהן גראָשען פאַר יעדער פאַרשוין!

## די אָרימעלייט

לויפען געאיילט, שטופענדיג איינער דעם אנדערן, אין הויף, שרייען אויפגערעגט

צעהן גראָשען!! צעהן גראָשען!!

דער פּלאַץ ווערט פוסט. עס בלייבען נאָר לאה, גיטל, בתיה און א בלינד־ליכע אַלטע

## די בלינדליכע אַלטע

כאַפּט אָן לאה׳ן

איך דאַרף נישט די נדבה, נאָר טאַנץ מיט מיר. כאָטש איין מאָל דרעה זיך אַרום מיט מיר. שוין פערציג יאָהר, ווי איך האָב נישט געטאַנצט! אוי, האָב איך געטאַנצט אין דער יוגענד, האַב איך געטאַנצט! (לאה נעהמט ארום די אלטע, דרעהט זיך מיט איהר. די אַלטע לאָזט זי נישט אָב, כאַפּט נאָך! נאָך! (זיי דרעהען זיך, די אלטע מיט א פּצרכאַפּטען אָטעם, היסטעריש) נאָך!... נאָך!...

גיטל פירט אָב די אַלטע מיט געוואַלד אין הויף, קערהט זיך אום און צוזאמען מיט בתיה׳ן פיהרען זיי אָב לאה׳ן צום גאַניק, זעצען אויף א בענקעל, די שאַרוועס און דינער נעהמען־צו די טישען, שליסען־צו טויער.

## פֿראַדע

ביזט בלייך ווי אַ טוך, לאה׳לע. האָסט זיך פערמאַטערט!

## לאה

מיט געשלאָסענע אויגען, אַ פֿערוואָרפֿענעם קאָפּ, רעדט ווי אין חלום:

זיי האָבען מיך אַרומגענומען, אַרומגערינגעלט, געדריקט זיך צו מיר, געצויגען זיך צו מיר מיט זייערע קאַלטע טרוקענע פינגער... דער קאָפּ האָט זיך געדרעהט, דאָס האַרץ האָט גע־חלש׳ט... נאָכדעם האָט מיך עמיצער אויפגעהויבען אין דער לופ־טען און אַוועקגעטראָגען ווייט־ווייט...

## בתיה

דערשראָקען

לאה׳לע! זעה, ווי זיי האָבען צוקנייטשט און פערפלעקט דיין קלייד! וואָס וועסטו איצט טהון!

## לאה

ווי פריהער

אַז מ׳לאָזט די כלה אַליין פאַר דער חופה, קומען רוחות און טראָגען זי אַוועק...

## פֿראַדע

דערשראָקען

וואָס פאַר אַ ווערטער רעדסטו, לאה׳לע! די שוואַרצע טאָר מען נישט דערמאָנען מיט זייער נאָמען. זיי זיצען זיך בעהאַל־טען און פערגראָבען אין אַלע ווינקעלעך, אין אַלע לעכעלעך, אין אַלע שפּעלטעלעך. אַלץ זעהען זיי, אַלץ הערען זיי און וואַרטען נאָר, מ׳זאָל זיי אָנרופען מיט זייער טרפה׳נעם נאָמען, שפּרינגען זיי באַלד אַרויס און וואַרפען זיך אָן אויף אַ מענשען. טפו! טפו! טפו!

## לאה

עפֿענט די אויגען

זיי זענען נישט קיין בייזע...

## פֿראַדע

גלויבען זיי סאָר מען אויך נישט. אַז מ׳גלויבט אַ ניבּט, נוטען, ווערט ער צולאַזען און הויבט אָן שטיפּען...

## לאה

זהר זילער

באָבינקע! אונז רינגלען אַרום נישט בייזע רוחות, נאָר נשמות פון מענשען, וואָס זענען געשטאָרבען פאַר דער צייט. אָט זיי קוקען זיך דאָס צו און הערען זיך צו צו אַלץ, וואָס מיר טהון און ריידען...

## פֿראַדע

גאָט איז מיט דיר, טאָכטערל! וואָס רעדסטו! נשמות? וועלכע נשמות? ריינע כשר׳ע נשמות פליהען אַרויף אויפ׳ן הימעל, רוהען אין ליכטיגען גן־עדן...

## לאה

ניין, באָבעניו, זיי זענען מיט אונז! (מיט אַנ׳אַנדער טאָן) באָבע! אַ מענש ווערט דאָך געבאָרען אויף אַ גרויסען לאַנגען לעבען. און אַז ער שטאַרבט פאַר דער צייט, וואו קומט אַהין זיין נישט דערלעבטער לעבען? זיין פרייד און זיין לייד? זיינע געדאַנקען, וואָס ער האָט קיין צייט געהאַט צו טראַכטען, זיינע מעשים, וואָס ער האָט קיין צייט געהאַט צו טהון? וואו קומען אַהין די קינדער, וועלכע ער האָט קיין צייט געהאַט צו האָבען? וואו קומט דאָס אַלץ אַהין? וואו? (פֿערטראַכט) האָט געלעבט אַ בחור, געווען איז ביי איהם אַ הויכע נשמה און טיפע געדאַנקען. אַ לאַנגער לעבען איז געווען פאַר איהם... און מיט אַמאָל, אין איין רגע האָט זיך איבערגעריסען זיין לעבען, און עס זענען

געקומען פרעמדע מענשען און האָבען איהם מקבר געווען אין אַ פרעמדער ערד. (מיט פערצווייפלונג) וואו־זשע איז אַהינגעקומען זיין איבעריגער לעבען? זיינע רייד, וואָס זענען ענטשוויגען געוואָרען, זיינע תּפילות, וואָס זענען איבערגעריסען געוואָרען?... באָבע, אַ ליכט, אַז זי ווערט פערלאָשען, צינדט מען זי ווידער אָן און זי ברענט ווייטער ביז זי ברענט אויס בּיז'ן סוף. ווי־זשע קאָן פערלאָשען ווערען אויף אייביג אַ נישט־אויסגעבּרענטע ליכט פון לעבען? ווי קאָן דאָס זיין?

## פֿראָדע

שאָקעלט מיט'ן קאָפּ

מ'טאָר נישט, טאָכטערל, טראַכטען וועגען אַזעלכע זאַכען! דער אויבערשטער ווייס וואָס ער טהוט. און מיר זענען בלינדע, מיר ווייסען גאָרנישט.

(אַ בּחור געהט צו אומבעמערקט דער משולח און שטעלט זיך אָב נישט ווייט הינטער די ריידענדיגע.)

## לאה

נישט הערענדיג זי, זיכער

ניין, באָבעניו, אַ מענשענס לעבען געהט נישט פערפאַלען. אַז עמיצער שטאַרבט פאַר דער צייט, קעהרט זיך זיין נשמה אום אויף דער וועלט, כּדי צו דערלעבען די איבעריגע יאָהרען, צו פערענדיגען די נישט־געטונענע מעשים, דורכפיהלען די נישט־איבערגעלעבטע פריידען און ליידען. (פּויזע) באָבע! איהר האָט דערצעהלט, אַז אום האַלבע נאַכט קומען אין שוהל מתים דאַווענען. דאָס קומען זיי פערענדיגען די תּפילות, וואָס זיי האָבען קיין צייט געהאַט אויסצוזאָגען. (פּויזע) מיין מאַמע איז געשטאָרבען אין דער יוגענד, האָט קיין צייט געהאַט איבערלעבען וואָס איהר איז בעשערט געווען. וועל איך היינט געהן אויפ'ן בית־עילם און וועל זי בעטען, זי זאָל קומען און צוזאַמען מיט'ן טאַטען פיהרען מיך אונטער דער חופּה. און זי וועט קומען און וועט נאָכדעם טאַנצען מיט מיר... און אַזוי איז מיט אַלע נשמות.

וואָס זענען פאַר דער צייט אַוועק פון דער וועלט. זיי זענען צווישען אונז, נאָר מיר זעהען זיי נישט, מיר פיהלען זיי נישט... (שטיל) באָבעניו, אַז מ׳זאָל שטאַרק וועלען, קאָן מען זיי זעהען און הערען זייער קול און פערשטעהן וואָס זיי טראַכטען... איך ווייס... (פויזע. הייזט אויפ׳ן קבר׳ל) אָט דער הייליגער קבר׳ל, איך געדענק איהם פון קינדהוייז, איך קען די חתן־כלה, וואָס זענען דאָרט בעגראָבען. איך האָב זיי פיל מאָל געזעהן אין חלום און אויפ׳ן וואָהר, און זיי זענען מיר נאָהנט, ווי אייגענע... (פערטראַכט) יונגע און שענע זענען זיי געגאַנגען צו דער חופה, פאַר זיי איז געווען אַ לאַנגער לעבען, אַ שענער לעבען. מיט אַמאָל זענען אָנגעלאָפען בייזע מענשען מיט העק—און די חתן-כלה זענען געפאַלען טויטע. מ׳האָט זיי ביידען בעגראָבען אין איין קבר, זיי זאָלען בלייבען אויף אייביג נישט צושיידט. און ביי יעדער חתונה, אַז מ׳טאַנצט אַרום זייער קבר, געהען זיי אַרויס און נעהמען אַ טייל אין דער פרייד פון חתן־כלה... (הויבט זיך אויף און געהט צום קבר׳ל. פראַדע, גיטל און בתיה געהען איהר נאָך. שפרייט אויס די הענד. הויך) הייליגע חתן־כלה! איך פערבעט אייך צו מיר אויף חתונה! קומט און שטעלט זיך נעבען מיר אונטער דער חופה!

עס דערהערט זיך אַ פרעהליכער כלי־זמר־מאַרש. לאה שרייט אויס פון שרעק און פאַלט שיער נישט.

## גיטל

האַלט זי אונטער

וואָס האָסטו זיך דערשראָקען. דאָס איז מסתמא געקומען דער חתן, האָט מען איהם ביים אַריינפאָהר אין שטעדטעל בעגעגענט מיט מוזיק.

## בתיה

אויפגערעגט

איך וועל לויפען שטילערהייד אָנקוקען איהם.

## גיטל

איך אויך. נאָכדעם וועלען מיר קומען זאָגען דיר, אַ וועל־

כּער ער איז. ווילסטו

### לאה

שאָקעלט מיטן קאָפּ

ניין...

### בתיה

זי שעמט זיך! שעם זיך נישט, נאַרעלע, מיר וועלען קיי־נעם נישט אויסזאָגען.

געהען געשווינד אַוועק. לאה און פראַדע קעהרען זיך אום צום גאַניק

### פראַדע

אַ כלה בעט אַלעמאָל די חבר׳טעס, זיי זאָלען געהן שטי־לערהייד אָנקוקען דעם חתן און קומען זאָגען איהר, אַ וועלכער ער איז, אַ ווייסינקער, צי אַ שוואַרצינקער.

### דער משולח

געהט צו נעהנטער

כלה!

### לאה

ביס אַ ציטער, קעהרט זיך אום

וואָס ווילט איהר?

קוקט אויפמערקזאַם אויף איהם

### דער משולח

נשמות פון געשטאָרבענע קעהרען זיך אום אויף דער וועלט, אָבער נישט ווי רוחות אָהן אַ גוף. פאַראַהאַן נשמות, וואָס געהען דורך עטליכע גופים, ביז זיי דערגרייכען זייער אויסלייטע־רונג. (לאה הערט איהם צו מיט אַלץ שטאַרקערער אויפמערקזאַמקייט) זינדיגע נשמות ווערען מגולגל אין חיות, אין עופות, אין פיש, אפילו אין צמחים, און זיי קאָנען זיך אַליין נישט אויסלייטערן און זיי

ווארטען ביז א צדיק חעט זיי בעפרייען און מתקן זיין. און עס זענען דא נשמות, וואס קומען אריין אין א ניי־געבארענעם גוף און לייטערן זיך אליין אויס, מיט די אייגענע מעשים...

## לאה

ציטערענדיג

רעדט! רעדט ווייטער!

## דער משולח

און עס זענען דא פערוואגעלטע נשמות, וואס געפינען זיך קיין רוה נישט און זיי דרינגען אריין אין א פרעמדען לעבע-דיגען גוף, ווי א „דיבוק“, און דורך דעם דערגרייכען זיי זייער אויסלייטערונג...

ער פערשווינדט. לאה בלייבט איבערראשט. עס געהט ארויס פון שטוב סנדר

## סנדר

וואס זיצסטו דא, טאכטערל?

## פראדע

זי האט משמח געווען די ארימעלייט פון ארים-מאלצייט, געטאנצט מיט זיי, האט זי זיך פערמאטערט און רוהט אב.

## סנדר

א! די ארימעלייט משמח געווען—דאס איז א גרויסע מצוה! (קוקט צום הימעל) שוין שפעט. די מחותנים מיט'ן חתן זענען שוין געקומען. זייט איהר גרייט?

## פראדע

זי דארף נאך געהן אויפ'ן הייליגען ארט...

## סנדר

געה, טאכטערל, געה, צו דער מאמען אויפ'ן קבר. (זיפצט)

זויין זיך אויס דאָרטען און פערבעטען די מאַמען אויף חתונה. זאָג איהר, אַז איך וויל מיט איהר איינאיינעם פיהרען צו דער חופה אונזער בת־יחידה... זאָג איהר, אַז איך האָב מקיים געווען אַלץ, וועגען וואָס זי האָט מיך געבעטען פאַר'ן טויט. דעם גאַנצען לעבען האָב איך אָבגעגעבען נאָר דיר, האָב דיך אויסגעהאָדע-וועט, געמאַכט פאַר אַ כשר'ע יודישע טאָכטער. און איצטער גיב איך דיך אויס פאַר אַ בחור אַ וואויל-לערנער, אַ ירא-שמים און אַ מיוחס...

מישט אָב די טרעהרען און מיט אַנ'אָראָבגעלאָזענעם קאָפּ קעהרט זיך אום אין שטוב. פויזע.

באָבעניו, אויפ'ן בית-עולם מעג איך רופען אויך .התונה אַנדערע, אַ הוץ דער מאַמען?

פראַדע

נאָר די נאָהנטע קרובים. ווערסט רופען דעם זיידען ר' אפרים'ען, די מוהמע מירעלע.

לאה

איך וואָלט וועלען רופען איינעם... נישט אַ קרוב.

פראַדע

מ'טאָר נישט, טאָכטערל. אויב דו ווערסט רופען אַ פרעמ-דען, וועלען די איבעריגע מתים פעראיבעל האָבען און זיי קאָ-נען בייז טהון...

לאה

נישט קיין פרעמדער... ער איז געווען ביי אונז ווי אַ בני-איינענער...

פראַדע

שטיל, דערשראָקען

אַ... טאָכטער'ל, איך האָב מורא!... מ'זאָגט, ער איז גע-

שטאַרבען מיט אַ מאוס׳ען טויט... (לאה חיינט שטיל) נו, ווייַן נישט, וויין נישט. רוף איהם. איך נעהם אויף זיך דעם חטא... (דער־מאָהנט זיך) אָבער איך ווייס דאָך נישט, וואו זיין קבר איז, און פרעגען איז נישט פאַסיג.

## לאה

איך ווייס, וואו ער איז.

## פּראַדע

פערהאונדערט

פון וואַנען ווייסטו?

## לאה

איך האָב געזעהן אין חלום זיין קבר. (מאַכט־צו די אויגען, פערטראַכט) און איהם האָב איך אויך געזעהן. און ער האָט מיר דערצעהלט, וואָס מיט איהם טהוט זיך... און האָט געבעטען איך זאָל איהם רופען אויף חתונה.

עס קומען צו לויפען גיטל און בתיה

## גיטל, בתיה

צוזאמען אויפגערעגט

מיר האָבען איהם געזעהן! מיר האָבען איהם געזעהן.

## לאה

ערשיטערט

וועמען? וועמען האָט איהר געזעהן?

## גיטל

דעם חתן! ער איז אַ שוואַרצינקער, אַ שוואַרצינקער!

## בתיה

ניין, אַ ווייסינקער! ניין, אַ ווייסינקער!

## גיטל

קום, מיר וועלען איהם נאָכאַמאָל אָנקוקען!

געהען געשווינד אַוועק

## לאה

שטעהט אויף

באָבעו קומט אויפ'ן בית-עולם.

## פראדע

טרויעריג

קום, טאָכטערל, אָך-אָך-אָך!

לאה נעהמט אַ שוואַרצען שאַל אויף די פּלייצעס און געהט מיט פראַדע'ן אין געסעל רעכטס. אַ ווײַלע שטעהט די סצענע פּוסט. עס הערט זיך מוזיק שפּילען. פון געסעל לינקס געהען אַרויס נחמן, ר' מענדל און מנשה, אַ קלײנער, דאַרער בחור'ל, אַ דערשראָקענער מיט גרויסע פערוואונדערטע אויגען; נאָך זיי מחותנים, מחותנת'טעס, אָנגעטהון יום־טוב'דיג. זיי אנטקעגען געהט אַרויס סנדר.

## סנדר

דערלאַנגט די האַנד נחמנ'ען

שלום עליכם, מחותן. ברוך הבא! (קושען זיך. סנדר גיט שלום מנשה'ן. קושט זיך מיט איהם. גיט שלום די איבעריגע) ווי איז געווען דער וועג, מחותן?

## נחמן

מיר האָבען געהאַט זעהר אַ שווערען און ביטערען וועג! מיר זענען אַראָב פון שליאַך און אַ לאַנגע צייט געבלאָנדזשעט אין פעלד, נאָכדעם זענען מיר פערקראָכען אין אַ זומפּ און שיער דאָרט נישט איינגעזונקען געוואָרען, קוים אַרויסגעקראָכען. מיר איז שוין אַרײַנגעפאַלען אַ מחשבה, אַז די נישט-גוטע, רחמנא לצלן, האָבען זיך דאָ אַרײַנגעמישט און לאָזען אונז נישט פאָה־

רען... נאָר, ווי די מעשה איז, אַ דאַנק גאָט, געקומען אין דער צייט.

סנדר

איהר זייט אודאי מיד פון וועג. איהר ווילט מסתמא אָברוהען

נחמן

קיין צייט נישטאָ אָבצורוהען. מיר האָבען נאָך פיל צו ריידען וועגען אונזערע התחיבותן, וועגען איינלעגען דעם נדן, מתנות, רח״ש וכל״ז.

סנדר

אדרבהו!

ער נעהמט איהם אַרום און זיי הויבען אָן אומגעהן הין און צוריק איבער׳ן פלאַץ און ריידען שטיל

ר׳ מענדל

צו מנשה׳ן

געדענק-זשע, ביים טיש דאַרפסטו זיצען שטיל, נישט ריהרען זיך פון אָרט, און האַלטען אַראָבגעלאָזען די אויגען... און באַלד נאָך דער חופה-וועטשערע, ווי נאָר דער בדחן וועט אויסרופען: „דער חתן וועט זאָגען די דרשה!” זאָלסטו גלייך אויפשטעהן, שטעלען זיך אויפ׳ן בענקעל און זאָלסט אָנהויבען זאָגען אויפ׳ן קול, מיט אַ נגון. וואָס העכער דו וועסט שרייען, איז אַלץ בעסער. און שעם זיך נישט! הערסט?

מנשה

מעלאַניש

איך הער... (שטיל) רבי, איך האָב מורא...

ר׳ מענדל

דערשראָקען

וואָס האָסטו מורא? האָסט אפשר פערגעסען די דרשה?

מנשה

די דרשה געדענק איך...

ר׳ מענדל

וואָס-זשע דען האָסטו מורא?...

מנשה

מיט א שטאַרקען צער

איך ווייס נישט... ווי נאָר מיר זענען אַרויסגעפאָהרען פון דער היים, איז אויף מיר אָנגעפאַלען אַ שטאַרקער פחד: מיר זענען פרעמד די ערטער, וואו מיר זענען דורכגעפאָהרען, איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן אַזוי פיל פרעמדע מענשען... מיך נעהמט אָן אַ שרעק, אַז זיי קוקען אויף מיר... איך האָב מורא פאַר זייערע אויגען... (ציטערט) רבי! פאַר קיין זאַך ציטער איך נישט אַזוי, ווי פאַר דעם בליק פון פרעמדע אויגען!

ר׳ מענדל

איך וועל דיר אָבשפּרעכען עין-הרע.

מנשה

רבי! איך וואָלט וועלען בלייבען אַליין, פערבאָרגען זיך ערגעץ אין אַ ווינקעל, און דאָ רינגלען מיך אַרום פון אַלע זייטען פרעמדע מענשען, איך דאַרף מיט זיי ריידען, ענטפערן זיי... ווי מ׳וואָלט מיך פיהרען צו דער תליה! (מיט א מיסטישער שרעק) רבי! און מעהר פאַר אַלץ פורכט איך זיך פאַר איהר... פאַר דער בתולה!...

ר׳ מענדל

סהו אָן אויף זיך אַ כח! זיי מנצח די שרעק, אַ נישט—ועסטו די דרשה, חלילה, פערגעסען... קום, מיר וועלען אַריינגעהן אין אכסניה, וועסטו זיך נאָך אַמאָל איבער׳חזר׳ן.

(זיי געהען)

## מנשה

דערזעהט פאר זיך דעם הייליגען קבר'ל, ווערט פערציטערט, כאפט ר' מענדלען פאר'ן האנד

רבי! וואָס איז דאָס? אַ קבר אין מיטען גאַס!!

שטעלען זיך צ.ב. לייענען שווייגענדיג די מצבה. שטעהען א ווילע און חען מיט אראָבגעלאָזענע קעפּ אין געסעל לינקס. סנדר, נחמן און די מחותנים געהען אריין אין הויז. פון סנדר'ס הויף געהען ארויס איינע נאָך די אנדערע אָרימעלייט, מיט די טאָרבעס אויף די פּלייצעס, מיט שטעקענס אין די הענד, געהען דורך שטיל און טרויעריג דעם פּלאַץ און פערשווינדען אין געסעל לינקס. איניגע שטעלען זיך אָב אויף א רגע.

## אַ הויכע בלאַסע ווייבעל

אָט איז דער אָרים-מאָלצייט אויף פּאַרביי, גלייך ווי נישט געוועזן...

## אַ הינקעדיגע זקנה

געזאָגט, אַז מ'וועט געבען צו אַ טעלער יויך, און מ'האָט נישט געגעבען.

## אַ האָרבאַטע

חלה געגעבען צו קליינע המוציא'לעך...

## אַנ'אָרימאַן אויף קוליעס

אַזאַ גביר! קראַנק איז ער געוועזן צו געבען צו גאַנצע בולקעס יעדערן?

## אַ הויכע בלאַסע ווייבעל

געמעגט געבען צו שטיקעלעך עוף. ניש'קשה. פאַר די גביר'ישע אורחים האָט מען אָנגעגרייט אי הינער, אי גענז, אי געשטאָפּטע ענדיקעס...

## אַ בלינדליכע זקנה

צַלך איינס... נאָכ'ן טויט וועט צַלך אָנקומען די ווערים.

אָך-אָך-אָך!

געהען לאַנגזאַם אַוועק. די סצענע שטעהט אַ ווײַלע פּוסט. דער משולח געהט לאַנגזאַם דורך איבער דער סצענע, געהט אַרײַן אין שוהל. עס ווערט פינסטערליך. די קרעמער שליסען די קראַמען, געהען אַוועק. אין קלויז און בײַ סנדר'ן אין הויז צינדט זיך אָן פֿײַער. אויפ'ן גאַניק געהען אַרויס סנדר, גיטל און בתיה, קוקען זיך אום.

סנדר

אומרוהיג

וואו איז לאה? וואו איז די אַלטע? פאַרוואָס קומען זיי נישט אַזוי לאַנג פון הייליגע, אָרט? צי האָט זיך מיט זיי, חס ושלום, עפּעס נישט געטראָפען.

גיטל, בתיה

מיר וועלען געהן זיי אַנטקעגען.

פון געסעל רעכטס געהען געאײַלט אַרויס פראַדע און לאה

פראַדע

גיכער, גיכער, טאָכטערל! אַי, ווי מיר האָבען פערשפּע-טיגט!... נאָך וואָס האָב איך דיך געדאַרפט פאָלגען! איך ציטער, עס זאָל נישט טרעפען עפּעס אַנ׳אומגליק, חס ושלום.

סנדר

נו! אָט זענען זיי! וואָס האָט איהר אַזוי פערשפּעטיגט?

פון שטוב געהען אַרויס ווײַבער

ווײַבער

פיהרט די כלה ליכט בענשען!

זײַ פיהרען אַרײַן לאה'ן אין שטוב

פראַדע

שטיל צו גיטל און בתיה'ן

די איז געפאַלען חלשות. קוים אָבגעמינטערט זי! איך צי-

טער נאָך...

## בתיה

זי פאַסט דאָך, האָט איהר פער׳חלש׳ט דאָס האַרץ.

## גיטל

זי האָט שטאַרק געוויינט אויף דער מאַמעס קבר!

## פראַדע

מאַכט מיט׳ן האַנד

פרעג בעסער נישט, וואָס דאָרטען האָט זיך געטהון! איך ציטער!

מ׳גרייט־צו נעבען טהיר אַ שטוהל, מ׳פיהרט אַרויס לאה׳ן און מ׳בעזעצט זי. עס שפּילט מוזיק. פון געסעל לינקס געהען אַרויס נחמן, מנשה, ר׳ מענדל די מחותנים. מנשה טראָגט אין בּיידע הענד אַ דעק־טוך און געהט צו לאה׳ן ארויפצוואַרפען איהר אויפ׳ן פּנים. פון קלויז געהט אַרויס דער משולח.

## לאה

רייסט אַראָב דעם דעק־טוך, שפּרינגט אויף פון אָרט, שטויסט אָב מנשה׳ן און שרייט אויס

נישט דו ביזט מיין חתן!!

עס ווערט אַ שטאַרקער טומעל. אַלע רינגלען אַרום לאה׳ן.

## סנדר

ערשיטערט

טאָכטערל! טאָכטערל! לאה! וואָס איז מיט דירן?!

## לאה

רייסט זיך אַרויס, לויפט־צו צום קבר׳ל, שפּרייט אויס די הענד

הייליגע חתן־כלה, בעשיצט מיך, ראַטעוועט מיך! הי פאַלט.

מ׳לויפט־צו צו איהר, מ׳הויבט זי אויף. זי קוקט זיך ווילד אַרום און שרייט נישט מיט איהר קול, מיט אַ מאַנסבילשען) אַ־אַ! איהר האָט מיך מקבר

געוועזן! און איך האָב מיך אומגעקעהרט צו מיין בעשערטער און וועל נישט אַוועקגעהן פון איהר! (נחמן געהט־צו צו לאה׳ן, זי שרייט איהם אויס גלייך אין פנים) חאַמעליוק!!

נחמן

פערציטערט

די איז משוגע געוואָרען.

דער משולח

אין דער כלה איז אַריין אַ דיבוק.

אַ שטאַרקער טומעל.

(פאָרהאַנג)

# דריטער אקט.

אין מיראָפּאָליע. ביי ר׳ עזריאל׳קע מיראָפּאָליער אין הויז. אַ גרויסער חדר רעכטס אַ טהיר אין די אינעווענינסטע חדרים. אין מיטען דער פֿאָדער־שטער וואַנט אַ טהיר פֿין גאַס. ביי ביידע זייטען טהיר שוהל־בענק. אין וואַנט פֿענסטער. לינקס, כמעט אין דער גאַנצער לענג פון וואַנט, אַ ברייטער טיש, בעדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך. אויפ׳ן טיש בערגלעך אָנ־געשניטענע חלה אויף המוציא. אויבען־אָן אַ פּאָטעל. אין דער רעכטער וואַנט, נאָך דער אינעווענינסטער טהיר, אַ קליינער אָרון־קודש מיט אַנ׳־עמוד. אַנטקעגען זיי נישט קיין גרויסער טיש. אַ קאַנאַפּע, עטליכע שטוהלען.

שבת צו נאַכטס. באַלד נאָך מעריב. אין חדר זענען חסידים. דער גבאי מיכאל שטעהט ביים טיש און לעגט פֿונאַנדער די בערגלעך חלה. נעבען אָרון־קודש זיצט דער משולח. איהם רינגעלט אַרום אַנ׳עדה חסידים. עטלי־כע חסידים זיצען בעזונדער, קוקען אַריין אין ספרים. ערשטער און צווייטער חסידים שטעהען אין מיטען חדר ביים קליינעם טיש. פֿון די אי־נעווענינסטע חדרים הערט זיך אַ שטילער געזאַנג: „גאָט פֿון אברהם, פֿון יצחק, און פֿון יעקב״.

## 1־טער חסיד

דער אורח דערצעהלט עפּעס זעהר וואונדערליכע מעשיות...
עס נעהמט אָן אַ פּחד. אין האָב מורא זיי צו הערען...

## 2־טער חסיד

חאָטש

## 1-טער חסיד

אין זיי זענען דאָ טיפע רמזים, נישט צו פערשטעהן... אין זיי מוז זיין עפּעס פון דעם בראַסלאַווערס שיטה... ווער ווייס...

## 2-טער חסיד

עלטערע חסידים הערען, מסתמא איז נישטאָ קיין חשש.

געהען צום רעדעל אַרום דעם משולח.

## 3-טער חסיד

דערצעהלט נאָך עפּעס!

## דער משולח

שפּעט. די צייט איז קורץ.

## 4-טער חסיד

ניש׳קשה. דער רבי וועט נאָך נישט באַלד אַרויסגעהן.

## דער משולח

דערצעהלט

אין עק וועלט איז דאָ אַ הויכער באַרג, און אויף דעם באַרג ליגט אַ גרויסער שטיין, און פון דעם שטיין שלאָגט אַ לויטערער קוואַל. און אויף דעם אַנדער עק וועלט געפינט זיך דאָס האַרץ פון דער וועלט, ווארום יעדע זאַך אין דער וועלט האָט איהר האַרץ און די וועלט אינגאַנצען האָט איין גרויסע האַרץ. און דאָס האַרץ פון דער וועלט לאָזט נישט אַראָב איהר בליק פון לויטערן קוואַל און קאָן זיך אויף איהם זאַט נישט אָנקוקען, און עס בענקט און גלוסט און ציהט זיך דורשטיג צום לויטערן קוואַל, נאָר עס קאָן דעם קלענסטען טראָט צו איהם נישט מאַכען. ווארום ווי דאָס האַרץ ריהרט זיך נאָר פון אָרט, פאַרלירט עס פון די אויגען דעם שפּיץ באַרג מיט דעם לויטערן קוואַל, און אַז דאָס האַרץ פון דער וועלט זעהט נישט דעם לויטערן קוואַל כאָטש איין רגע, פאַרלירט עס דעם חיות, און

צוגלייך מיט דעם הויבט אָן שטאַרבען די וועלט. און דער לויטערער קוואַל האָט נישט קיין אייגענע צייט און ער לעבט מיט דער צייט, וואָס דאָס האַרץ פון דער וועלט שענקט איהם. און דאָס האַרץ גיט איהם נאָר איין טאָג. און אַז דער טאָג פערגעהט, הויבט אָן דער לויטערער קוואַל זינגען צו דעם האַרץ פון דער וועלט. און דאָס האַרץ פון דער וועלט זינגט צום לויטערן קוואַל. און זייער געזאַנג פערשפרייט זיך איבער דער וועלט, און עס געהען אַרויס פונ׳ם געזאַנג לייכטענדיגע פעדים און ציהען זיך צו די הערצער פון אַלע זאַכען אין דער וועלט און פון איין האַרץ צום אַנדערן... און עס איז פאַרהאַן אַ רעכטפאַרטיגער און לייטזעליגער מאַן, וואָס געהט אום איבער דער וועלט און קלויבט די ליכטיגע פעדים פון די הערצער און וועבט פון זיי צייט. און אַז ער וועבט אויס אַ גאַנצען טאָג, גיט ער איהם אָב דעם האַרץ פון דער וועלט, און דאָס האַרץ פון דער וועלט גיט עס אָב דעם לויטערן קוואַל. און ער לעבט נאָך אַ טאָג...

## 3־טער חסיד

### דער רבי געהט!

אַלע ווערען ענטשוויגען, הויבען זיך אויף—פון סהיד רעכטס געהט אַרויס ר׳ עזריאל, אַ טיפער זקן אין אַ ווייסער זשופיצע און אין אַ שטריימעל.

## ר׳ עזריאל

געהט לאַנגזאַם, מיד און פערטראַכט צום טיש, לאָזט זיך שווער אַראָב אין פאָטעל. מיכאל שטעלט זיך ביי זיין רעכטער האַנד, די חסידים זעצען זיך ארום טיש. די עלטערע זעצען זיך אויף די בענק, די יונגערע שטעהען הינטער זיי. מיכאל טיילט חלה די חסידים. ר׳ עזריאל הויבט אויף דעם קאָפ, הויבט אָן שטיל מיט אַ ציטערדיגען קול זינגען

### דא היא סעודתא דדוד מלכא משיחא.

אַלע ענטפערן, מאַכען המוציא, מ׳הויבט אָן זינגען שטיל אַ נגון אָהן ווערטער, אַ טרויעריג־מיסטישען. פויזע. ר׳ עזריאל גיט אַ טיפען זיפץ שפאַרט אונטער דעם קאָפ מיטביידע הענד און זיצט אַ ווייל פערטיפט אין די געדאַנקען. עס הערשט אַנ׳אימה׳דיגע שטילקייט. ר׳ עזריאל הויב־

אויף דעם קאָפּ און הויבט אָן שטיל מיט אַ ציטערדיגען קול

מ'דערצעהלט וועגען בעל שם הקדוש, זכותו יגן עלינו. (קליינע פויזע) אַמאָל זענען געקומען אין מעזשיבוזש דייטשלעך, קונצענמאַכער, וואָס ברעכען זיך אין די גאַסען; האָבען זיך אי-בערגעצויגען איבער'ן ברייט פון טייך אַ שטריק און איינער פון זיי איז געגאַנגען איבער'ן שטריק. איז מען זיך כון גאַנצען שטאָדט צונויפגעלאָפען צום טייך קוקען אויף דעם ביזוואונדער. איז דער בעל שם הקדוש אויך אַרויס צום טייך און איז גע-שטאַנען מיט אַלעמען און האָט אויך געקוקט אויף דעם מענשען, וואָס איז געגאַנגען איבער'ן שטריק. איז דאָס געווען פאַר די תלמידים אַ גרויסער וואונדער און זיי האָבען געפרעגט, וואָס דאָס בעדייט, וואָס ער איז געגאַנגען אָנקוקען די קינצען. האָט דער בעל שם הקדוש זיי געענטפערט: „איך בין געגאַנגען אָנ-קוקען און זעהן, ווי אַזוי אַ מענש געהט איבער אַ טיפען אָבגרונד. און איך האָב געקוקט און געטראַכט: ווען דער מענש וואָלט אַזוי פיל אַרבייטען איבער זיין נשמה, וויפיל ער האָט געאַרבייט אויפ'ן גוף, איבער וועלכע טיפע אָבגרונדען וואָלט זי געקאָנט אַריבערגעהן אויף דעם דינינקען שנירעלע פון לעבען!"

אַ טיפער זיפץ. פויזע. די חסידים קוקען זיך איבער מיט התפעלות.

1-טער חסיד

היך ווי די וועלט!

2-טער חסיד

פלאי כ׳אים!

3-טער חסיד

שופרא דשופרא!

ר' עזריאל

שטיל צו מיכאל'ן, וואָס בויגט זיך אָן צו איהם

דאָ געפינט זיך אַ פרעמדער...

## מיכאל

(קוקט זיך אום)

דאָס איז אַ משולח, ווייזט אויס, אַ בעל מקובל...

## ר' עזריאל

מיט וואָס פאַר אַ שליחות איז ער געקומען אַהער?

## מיכאַל

איך ווייס נישט. אפשר בעטען איהם אַרויסגעהן?

## ר' עזריאל

חלילה. אדרבה, אַ נישט־היגען דאַרף מען אָפּגעבען כבוד. דערלאַנג איהם אַ שטוהל. (מיכאל אַ ביסעל פערוואונדערט, דערלאַנגט דעם משולח אַ שטוהל. קיינער בעמערקט עס נישט. ר' עזריאל גיט אַ בליק אויף איינעם פון די חסידים, יענער זינגט אַ מיסטישען נגון אָהן ווערטער. פויזע. ר' עזריאל ווי פריהער) גאָטס וועלט איז גרויס און הייליג. דאָס הייליגסטע לאַנד אין דער וועלט איז ארץ ישראל. אין ארץ ישראל איז די הייליגסטע שטאָדט ירושלים, אין ירושלים איז דער הייליגסטער אָרט געווען דער בית המקדש און אין בית המקדש איז הייליגער פון אַלץ געווען דער קדשי קדשים. (קליינע פויזע) עס זענען דאָ אויף דער וועלט זיבעציג אומות. דאָס הייליגסטע צווישען זיי איז דאָס פאָלק ישראל. אין פאָלק ישראל איז הייליגער פון אַנדערע דער שבט לוי, אין שבט לוי זענען די הייליגסטע די כהנים. צווישען די כהנים איז דער הייליגסטער געווען דער כהן גדול. (קליינע פויזע) אין יאָהר זענען דאָ 354 טעג. צווישען זיי זענען הייליג ימים טובים. העכער פון זיי איז די הייליגקייט פון שבתים. צווישען שבתים איז דער הייליגסטער יום כפור, שבת שבתון. (קליינע פויזע) עס זענען דאָ אין דער וועלט זיבעציג לשונות. דער הייליגסטער איז לשון הקודש. הייליגער פאַר אַלץ איז אויף דעם לשון די הייליגע תורה, אין דער תורה איז דאָס הייליגסטע די עשרת הדברות, אין די עשרת

הדברות איז הייליגער פון אַלע ווערטער דער שם הויה. (קליינע פויזע) און איין מאָל אין יאָהר, אין אַ בעשטימטער שעה, פלעגען זיך די אַלע פיר העכסטע הייליגטומען פון דער וועלט צוזאַמענקומען מיט איינאַנדער. דאָס איז געווען יום כפור, בשעת דער כהן גדול פלעגט אַריין אין קדשי קדשים און דאָרטען אַרויסריידען דעם שם המפורש—און ווייל אָט די שעה איז געווען זעהר אַנ׳ערך הייליג און פורכטבאַר, איז זי געווען די סכנות׳דיגע, ווי פאַר׳ן כהן גדול, אַזוי פאַר דעם כלל ישראל. וואָרום ווען אין דער שעה וואָלט דעם כהן גדול, חס ושלום, אַריינגעפאַלען אין זינען אַ זינדיגער געדאַנק אָדער אַ מחשבה זרה, וואָלט די וועלט חרוב געוואָרען. (פויזע) יעדעס אָרט, וואָס אַ מענש הויבט פון איהם אויף דעם בליק צום הימעל, איז קדשי קדשים; יעדער מענש, וועלכען גאָט האָט בעשאַפען בצלמו וכדמותו, איז אַ כהן גדול; יעדער טאָג פון אַ מענשענס לעבען איז יום כפור און יעדעס וואָרט, וואָס אַ מענש רעדט אַרויס מיט תמימות, איז אַ שם הויה. דערום—יעדער עבירה און יעדער עולה, וואָס אַ מענש טהוט, ברענגט אַ חורבן פון דער וועלט. (מיט אַ ציטערדיגען קול) מענשליכע נשמות—דורך גרויסע יסורים און פיין, דורך פיל גלגולים ציהען זיי זיך, ווי אַ קינד צו דער מוטערס ברוסט, צו זייער מקור, אין דער הויך צום כסא הכבוד. נאָר עס טרעפט, אַז בעת אַ נשמה דערגרייכט שוין די גאָר הויכע מדריגות, איז מיט אַמאָל גובר די קליפה, חס ושלום, און די נשמה ווערט געשטרויכעלט און פאַלט. און וואָס העכער זי איז געווען אויפגעהויבען, אַלץ טיפער איז איהר פאַלען. און אַז אַזאַ נשמה פאַלט, ווערט חרוב אַ וועלט, און עס ווערט פינסטער אין אַלע היכלות און עס קלאָגען אַלע צעהן ספירות. (פויזע. חי אויפוואַכענדיג) קינדער! היינט וועלען מיר מקצר זיין מיט דער מלוה מלכה.

אַלע, חוץ מיכאל׳ן, געהען שטילערהייד אַרויס אונטער דעם איינדרוק פון געהערטען. קליינע פויזע.

מיכאל

געהט-צו צום טיש, נישט זיכער

רבי! (ר' עזריאל קוקט אויף איהם מיד און טרויעריג) רבי, עס איז געקומען סנדר בריניצער...

ר' עזריאל

(ווי ער וואָלט נאָכזאָגען)

סנדר בריניצער... איך ווייס...

מיכאל

איהם האָט געטראָפען אַ גרויסער אומגליק. אין זיין טאָכטער איז אַריין אַ דבוק, רחמנא לצלן.

ר' עזריאל

אַריין אַ דבוק... איך ווייס...

מיכאל

ער האָט זי געבראַכט צו אייך...

ר' עזריאל

ווי פאַר זיך

צו מיר?... צו מיר?... ווי האָט ער געקאָנט קומען צו מיר, אַז מיין „איך" איז גאָר נישטאָ...

מיכאל

רבי, צו אייך פאָהרט אַ גאַנצע וועלט.

ר' עזריאל

אַ גאַנצע וועלט... אַ בלינדע וועלט... בלינדע שאָף געהען נאָך אַ בלינדען פאַסטוך... ווען זיי וואָלטען נישט זיין בלינד, וואָלטען זיי געהן נישט צו מיר, נאָר צו יענעם, וועלכער קאָן

זָאגען „איך“. צום איינציגען „איך“ פון דער וועלט.

### מיכאל

רבי, איהר זייט זיין שליח...

### ר׳ עזריאל

דָאס זָאגט די וועלט, און איך וויס נישט... שוין פערציג יָאהר ווי איך זיץ אויף דער שטוהל פון אַ רבי׳ן. און איך בין עד היום נישט זיכער, אַז איך בין גאָט ברוך הוא׳ס אַ שליח... פאַרהאַן צייטען, אַז איך פיהל מיין נאָהנטקייט צום כביכול, דע־מָאלט זענען ביי מיר נישטאָ קיין ספקות, דעמאָלט האָב איך אין זיך תקיפות, און איך האָב אַ שליטה איבער די הויכע עולמות. אָבער עס טרעפט צייטען, אַז איך פערליר מיין זיכערקייט. און דעמאָלט בין איך קליין און שוואַך ווי אַ קינד. דעמאָלט נויטיג איך זיך אַליין אין הילף...

### מיכאל

רבי, איך געדענק... איין מאָל זייט איהר צו מיר געקו־מען אום האַלבע נאַכט און געבעטען, איך זאָל מיט אייך זאָגען תהלים. מיר האָבען דעמאָלט די גאַנצע נאַכט געזאָגט תהלים און געוויינט...

### ר׳ עזריאל

דָאס איז אַמאָל געווען. איצט איז מיר נאָך ערגער. (מיט אַ ציטערדיגען קול) וואָס וויל מען פון מיר? איך בין אַלט און שוואַך. דער גוף דאַרף רוה, די נשמה דורשט צו התבודדות. און צו מיר ציהען זיך דער צער און יסורים פון דער וועלט. יעדעס קוויטעל, וואָס מ׳דערלאַנגט מיר, שטעכט מיך ווי אַ נאָדעל אין לייב. איך האָב שוין מעהר קיין כח נישט... איך קאָן נישט!...

### מיכאל

רשראָקען

רבין רבי

## ר' עזריאל

כליפּעט

איך קאָן מעהר נישט! איך קאָן נישט! (חיינט)

## מיכאל

רבי! איהר טאָרט נישט פערגעסען, אַז גאַנצע דורות צדיקים און קדושי עליון שטעהען הינטער אייך. אייער פאָטער ר' איטשעלע, זכרונו לברכה, אייער זיידע דער אדמו"ר ר' װעלװעלע דער גרויסער, דעם בעל שם'ס תלמיד...

## ר' עזריאל

קומט צו זיך. הויבט אויף דעם קאָפּ

מיינע אבות... מיין הייליגער פאָטער, װאָס האָט דריי מאָל געהאַט גלוי אליהו... דער פעטער, ר' מאיר בער, װאָס פלעגט צו שמע ישראל אַרויפגעהן אויפ'ן הימעל... דער זיידע, דער גרויסער ר' װעלװעלע, װאָס האָט מהיה מתים געװען. (גיט זיך א קעהר צו מיכאל'ן. לעבהאַפט) װייסט, מיכאל, דער זיידע, דער גרויסער ר' װעלװעלע, פלעגט אַרויסטרייבען אַ דבוק אָהן שמות און השבעות, נאָר מיט'ן געשריי, מיט איין געשריי! אין אַ שװערער צייט װענד איך זיך צו איהם און ער האַלט מיך אונ־טער. ער װעט מיך איצט אויך נישט פערלאָזען... רוף אַריין סנדר'ן.

מיכאל געהט אַרויס און קעהרט זיך אום מיט סנדר'ן.

## סנדר

אויסשטרעקענדיג די הענד מיט אַ װיינענדיגען געבעט

רבי! האָט רחמנות! העלפט מיר, ראַטעװעט מיין בת־יחידה!

## ר' עזריאל

װי אַזוי האָט זיך דער אומגליק געטראָפען?

## סנדר

צום רעכטען בעדעקענס. װי נאָר...

## ר׳ עזריאל

שלאָגט איהם איבער

נישט דאָס פרעג איך. ווי אַזוי האָט זיך דער אומגליק געקאָנט טרעפען? אַ וואָרים קאָן אַריינדרינגען אין אַ פרי נאָר דעמאָלט, ווען זי הויבט אָן פוילען.

## סנדר

רבי! מיין בת יחידה איז אַ גאָטספאָרכטיגע יודישע טאָכ־טער. זי געהט מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען און טרעט נישט אַרויס פון מיין ווילען.

## ר׳ עזריאל

קינדער ווערען אָנ׳געדערש מאָל געשטראָפט פאַר די זינד פון די עלטערן.

## סנדר

ווען איך וואָלט וויסען אויף זיך אַ זינד, וואָלט איך תשובה טהון...

## ר׳ עזריאל

האָט מען געפרעגט דעם דבוק, ווער ער איז און פאַרוואָס ער איז אַריין אין דיין טאָכטער?

## סנדר

ער ענטפערט נישט. נאָר נאָכ׳ן קול האָט מען אין איהם דערקענט אַ בחור פון אונזער ישיבה, וואָס איז מיט עטליכע חדשים פריהער פלוצלונג געשטאָרבען אין שוהל. ער האָט זיך געפאָרעט אין קבלה־מעשיות און איז נזוק געוואָרען.

## ר׳ עזריאל

דורך וועלכע כחות?

## סנדר

מ׳זאָגט, דורך די נישט־וטע... עטליכע שעה פאַר׳ן טויט האָט ער געזאָגט זיינעם ג חבר, אַז מ׳דאַרף נישט מלחמה האַלטען מיט זינד און אַז אין דער סטרא אחרא, רחמנא לצלן, איז דאָ אַ ניצוץ פון קדושה, ער האָט נאָך געהאָלט דורך כשוף בא־קומען צוויי פעסלעך גאָלד...

## ר׳ עזריאל

דו האָסט איהם געקענט?

## סנדר

יאָ... ער האָט ביי מיר געגעסען טעג.

## ר׳ עזריאל

קוקט אויפמערקזאַם אויף סנדר׳ן

האָסט איהם אפשר מיט עפּעס מצער געווען, מבייש גע־ווען? דערמאָהן זיך.

## סנדר

איך ווייס נישט... איך געדענק נישט! (מיט פערצווייפלונג) רבי, איך בין דאָך נישט מעהר ווי אַ מענש. (פויזע)

## ר׳ עזריאל

פיהר אַריין די בתולה.

סנדר געהט אַרויס און קעהרט זיך גלייך אום מיט פראַדע׳ן, פיהרענדיג פאַר די הענד לאה׳ן. זי שפּאַרט זיך איין ביים שוועל און וויל נישט געהן.

## סנדר

מיט געוויין

טאָכטערל, האָב רחמנות, זיי מיך נישט מבייש פאַר׳ן רבי׳ן. געה אַריין.

## פראדע

געה צוריין, לאה׳לע, געה אריין, טייבעלע!

## לאה

איך וויל אריין, נאר איך קאן נישט!

## ר׳ עזריאל

בתולה! איך בעפעהל דיר אריינגעהן. (לאה טרעט איבער דעם שוועל און געהט צום טיש) זעץ זיך.

## לאה

זעצט זיך געהארכזאם. מיט אמאל שפרינגט זי אויף פון ארט און שרייט נישט מיט איהר קול

לאזט מיך! איך וויל נישט!

זי וויל לויפען, סנדר און פראדע האלטען זי איין.

## ר׳ עזריאל

דבוק, איך בין גוזר אויף דיר, זאלסט זאגען, ווער דו ביזט.

## לאה (דבוק)

מיראפאליער רבי! איהר ווייסט אליין ווער איך בין און פאר אנדערע וויל איך מיין נאמען נישט ענטפלעקען.

## ר׳ עזריאל

איך פרעג נישט דיין נאמען. איך פרעג, ווער ביזטו?

## לאה (דבוק)

שטיל

איך בין פון די, וואס האבען געזוכט נייע וועגען...

## ר' עזריאל

נייע וועגען זוכט יענער, ווער עס האָט פערלוירען דעם גלייכען וועג.

## לאה (דבוק)

ער איז צו ענג...

## ר' עזריאל

דאָס האָט שוין געזאָגט איינער, וואָס האָט זיך נישט אומגעקעהרט צוריק. (פויזע) פאַרוואָס ביזטו אַריין אין דער בתולה?

## לאה (דבוק)

איך בין איהר בעשערטער.

## ר' ע ר אל

נאָך אונזער הייליגער תּורה, טאָר אַ מת נישט געפינען זיך אין דער סביבה פון לעבעדיגע.

## לאה (דבוק)

איך בין נישט געשטאָרבען.

## ר' עזריאל

דו ביזט אַוועק פון אונזער וועלט און טאָרסט זיך אַהער נישט אומקעהרן ביז מען וועט בלאָזען אין גרויסען שופר. דערום בין איך גוזר אויף דיר, דו זאָלסט פערלאָזען דעם גוף פון דער בתולה, כּדי עס זאָל נישט פערוועלקט ווערען אַ לעבעדיגער צווייג פון אייביגען בוים פון פאָלק ישראל.

## לאה (דבוק)

שרייט:

מיראָפּאָליער רבּי! איך ווייס, ווי שטאַרק און אַלמעכטיג איהר זייט! איך ווייס, אַז איהר קאָנט בעפעהלען מלאכים און

שרפים, אָבער מיט מיר וועט איהר גאָרנישט מאַכען. איך האָב נישט וואוהין צו געהן! פאַר מיר זענען פערצוימט אַלע וועגען און פערשלאָסען אַלע שטעגען און פון אַלע זייטען לויערן אויף מיר בייזע רוחות, גרייטע מיך איינצושלינגען. (מיט אַ ציטערדיגען קול) עס איז דאָ הימעל און ערד, עס זענען דאָ אָהן אַ צאָהל וועלטען און נישט אין איינעם פון זיי האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט פאַר מיר. און איצט, אַז מיין פערביטערטע, פערייָאגטע נשמה האָט געפונען איהר רוה, ווילט איהר מיך אַרויסטרייבען פון דאַנען. האָט רחמנות, יאָגט מיך נישט, פערשווערט מיך נישט.

## ר׳ עזריאל

פערוואָגעלטע נשמה! איך בין דורכגעדרונגען מיט אַ טיפען רחמנות צו דיר און וועל זיך מיהען אויסלייזען דיך פון די מלאכי חבלה. אָבער כון דעם גוף פון דער בתולה מוזטו אַויסגעהן.

## לאה (דבוק)

**ענטשידען**

איך וועל נישט אַרויסגעהן!

## ר׳ עזריאל

מיכאל, רוף אַריין פון קלויז אַ מנין יודען. (מיכאל געהט אַרויס און קעהרט זיך באַלד אום. נאָך איהם געהען אַריין צעהן יודען, שטעלען זיך אין אַ זייט) עדה קדושה! גיט איהר מיר רשות אין אייער נאָמען און מיט אייער מאַכט אַרויסטרייבען פון אַ גוף פון אַ יודישער טאָכטער אַ רוח, וואָס וויל נישט אַרויס מיט גוטען?

## אַלע צעהן יודען

רבי! מיר גיבען אייך רשות אין אונזער נאָמען און מיט אונזער מאַכט. אַרויסטרייבען פון גוף פון אַ יודישער טאָכטער אַ רוח, וואָס וויל נישט אַרויס מיט גוטען.

## ר׳ עזריאל

הויבט זיך אויף

דבוק! נשמה פון אַ מענשען, וואָס איז אַוועק פון אונזער וועלט, אין נאָמען און מיט דער מאַכט פון אַ הייליגער עדה יודען בין איך, עזריאל בן הדס, גוזר אויף דיר, דו זאָלסט פערלאָזען דעם גוף פון דער בתולה לאה בת חנה און זאָלסט אַרויסגעהענדיג נישט מזיק זיין נישט זי, נישט קיין שום לעבעדיגע בעשעפעניש... אויב דו וועסט נישט מקיים זיין מיין בעפעהל, וועל איך אַרויסטרעטען אַנטקעגען דיר מיט קללות און חרמות, מיט השבעות און נדויים, מיט דער גאַנצער מאַכט פון מיין אויסגעשפרייטען אָרעם. ווען אָבער דו וועסט פאָלגען מיין בעפעהל, וועל איך אָנווענדען אַלע כחות מתקן זיין דיין נשמה און אָבטרייבען די בייזע רוחות און מחבלים, וואָס רינגלען דיך צרום...

## לאה (דבוק)

שרייט

איך פורכט מיך נישט פאַר אייערע קללות און חרמות און גלויב נישט אין אייערע הבטחות! עס איז נישטאָ קיין כח אין דער וועלט, וואָס זאָל מיר קאָנען העלפען! עס געפינט זיך נישט אַזאַ העכסטע הויך, וואָס זאָל זיך גלייכען צו מיין איצטיגען רוה-אָרט, און עס איז נישטאָ אַזאַ פינסטערער תהום ווי דער, וואָס ערוואַרט מיך! איך וועל נישט אַרויסגעהן!

## ר׳ עזריאַל

אין נאָמען פון אַלמעכטיגען גאָט בעשווער איך דיך דאָס לעצטע מאָל און בעפעהל דיר אַרויסגעהן. ווען נישט—בין איך דיך מחרים און גיב דיך איבער אין די הענד פון די מלאכי חבלה!

אַ שרעקענדיגע פויזע.

## לאה (דבוק

אין נאָמען פון אַלמעכטיגען גאָט בין איך בעהעפט מיט

מיין בעשערטער און וועל זיך מיט איהר נישט שיידען ביז אייביג.

### ר׳ עזריאל

מיכאל, הייס אריינטראגען פאר אלעמען, וואס געפינען זיך דא, ווייסע קיטלען. ברענג זיבען שופרות, זיבען שווארצע ליכט. נאכדעם נעהם ארויס פון ארון קודש זיבען ספרי תורות...

צ שרעקעדיגע פויזע, בשעת הטלכער מיכאל געהט ארויס און קעהרט זיך אום מיט שופרות און שווארצע ליכט, נאך איהם געהט אריין דער משולח מיט קיטלען.

### דער משולח

צעהלט די קיטלען

עס איז דא איין איבעריגער קיטעל (קוקט זיך אום) אפשר פעהלט דא אימיצער אין חדר?

### ר׳ עזריאל

אומרוהיג, ווי דערמאהנענדיג זיך

אום צו מחרים זיין א יודישע נשמה, דארף מען דאך נעהמען רשות פון דעם שטאדט־רב... מיכאל, בעהאלט דערווייל די שופרות, די ליכט און די קיטלען... מיכאל, נעהם מיין שטע-קען און געה צום רב רב שמשון'ען און בעט איהם אין מיין נאמען קומען אהער תיכף ומיד. (מיכאל פערנעהמט די שופרות און ליכט און געהט צוזאמען מיט'ן משולח, וואס טראגט די קיטלען ארויס. ר׳ עזריאל צו די צעהן מענשען) איהר קענט דערווייל ארויסגעהן. (זיי געהען ארויס. פויזע. ר׳ עזריאל הויבט אויף דעם קאפ) סנדר! וואו זענען פערבליבען די מחותנים מיט דעם חתן?

### סנדר

...יי זענען פערבליבען אויף שבת ביי מיר אין בריניץ.

### ר׳ עזריאל

שיק א רייטער אנזאגען זיי אין מיין נאמען, אז זיי זא

לען דאָרט פערבלייבען און וואַרטען אויף מיין בעפעהל.

סנדר

איך שיק גלייך אַ רייטער.

ר׳ עזריאל

דערווייל קאָנט איהר אַרויסגעהן און אַרויספיהרען די בתולה א״ן צווייטען חדר.

לאה.

וואַלט־אויף, מיט איהר קול, ציטערדיג

באָבע! איך האָב מורא... וואָס וויל מען מיט איהם טהון? וואָס וויל מען טהון מיט מיר?

פראַדע

האָב קיין מורא נישט, מיין קינד! דער רבי וויים. וואָס ער טהוט. ער וועט קיין בייז נישט טהון. דער רבי קאָן קיין בייז נישט טהון.

זי און סנדר פיהרען אַרויס לאה׳ן אין צווייטען חדר.

ר׳ עזריאל

זיצט טיף פערזונקען אין די רעיונות. ווי אויפוואַכענדיג

און ווען אפילו אין די הויכע עולמות האָט מען גוזר געווען אַנדערש, וועל איך ברעכען דעם גזר־דין!

עס געהט אַריין ר׳ שמשון.

ר׳ שמשון

גוט־וואָך, רבי!

ר׳ עזריאל

הויבט זיך אויף איהם אַנטקעגען

גוט וואָך—גוט יאָהר, רב. זיצט! (ר׳ שמשון זעצט זיך) איך האָב

אייך מטריח געווען צוליב זעהר אַ וויכטיגען ענין. אין אַ יודי־שער טאָכטער איז אַריין אַ דבוק, רחמנא לצלן, און וויל בשום אופן נישט אַרויס. עס איז געבליבען דאָס לעצטע מיטעל — אַרויסטרייבען איהם מיט חרמות און נדויים. בעט איך אייער בעוויליגונג אויף דעם, און די מצוה פון פקוח נפש וועט אייך ביישטעהן.

## ר׳ שמשון

זיפצט

אַ חרם איז אַ האַרבע שטראָף פאַר אַ לעבעדיגען, בפרט פאַר אַ טויטען... נאָר וויבאַלד קיין אַנדער מיטעל איז נישטאָ און אַזאַ געטליכער מענש ווי איהר געפינט עס פאַר נויטיג, גיב איך מיין הרשאה... אָבער פריהער מוז איך אייך, רבי, ענטפלע־קען אַ סוד, וואָס האָט אַ שייכות צום ענין.

## ר׳ עזריאל

אדרבה.

## ר׳ שמשון

איהר געדענקט, רבי, מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק פלעגט צו אייך פאָהרען פון ברעניץ אַ יונגערמאַן, אַ חסיד און אַ מקובל, ניסן רבקה׳ס.

## ר׳ עזריאל

ער איז אָבגעפאָהרען אין מרחקים און דאָרט יונגערהייד געשטאָרבען.

## ר׳ שמשון

יאָ... איז אָט דער ניסן רבקה׳ס געקומען צו מיר די נאַכט דריי מאָל צו חלום און געפאָדערט, איך זאָל אַרויסרופען סנדר בריניצער צו אַ דין־תורה מיט איהם.

## ר׳ עזריאל

וואָס פאַר אַ תביעות האָט ער צו סנדר׳ן.

## ר׳ שמשון

דאָס האָט ער נישט געזאָגט. ער האָט נאָר גע׳טענה׳ט, אַז סנדר האָט פערגאָסען זיין בלוט.

## ר׳ עזריאל

אַז אַ יוד מאָהנט דעם אַנדערן צו אַ דין־תורה, טאָר זיך אַ רב, פערשטעהט זיך, נישט אָבזאָגען. בפרט אַז עס רופט אַרויס אַ מת, וואָס קאָן מאָהנען צום בית־דין של מעלה... נאָר וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צום דבוק?

## ר׳ שמשון

עס האָט אַ שייכות... איך האָב געהערט, אַז דער בע־שטאָרבענער בחור, וואָס איז אַריין ווי אַ דבוק אין סנדר׳ס טאָכ־טער, איז געווען ניסן רבקה׳ס אַ זוהן... מ׳דערצעהלט נאָך וועגען עפּעס אַ התחיבות, וואָס סנדר האָט געהאַט אַנטקעגען ניסנ׳ען און נישט אויסגעפילט...

## ר׳ עזריאל

טראַכט א ווײַלע

אויב אַזוי, וועל איך אָבלעגען דעם אַרויסטרייבען פון דבוק ביז מאָרגען האַלבען טאָג. אם ירצה השם, אינדערפריה נאָכ׳ן דאַווענען וועלען מיר אייך מטיב חלום זיין און איהר וועט אַרויסרופען דעם מת צו אַ דין־תורה. נאָכדעם וועל איך מיט אייער רשות אַרויסטרייבען דעם דבוק מיט אַ חרם...

## ר׳ שמשון

אַזוי ווי אַ דין־תורה צווישען אַ לעבעדיגען מיט אַ טויטען איז זעהר אַ האַרבע און אַ נישט געוועהנליכע וואָלט איך

בעטען איך, רבי, איהר זאָלט בעוויליגען זיין דער ראש הדיינים און אָנפיהרען די דין-תורה.

## ר׳ עזריאל

איך בין מסכים. מיכאל! (עס געהט אריין מיכאל) הייס אַריינפיהרען די בתולה. (סנדר און פראָדע פיהרען אריין לאה׳ן, וואָס זיצט מיט געשלאָסענע אויגען) דבוק, איך גיב דיר צייט אַ האַלבען מעת לעת, ביז מאָרגען האַלבען טאָג. אויב דו וועסט צו דער בעשטימטער צייט נישט אַרויסגעהן מיט׳ן גוטען ווילען, וועל איך דיך, מיט דעם רשות פון דעם מרא דאתרא, אַרויסציהען מיט געוואַלד דורך אַ האַרבען חרם. (פויזע. סנדר און פראָדע ווילען ארויספיהרען לאה׳ן) סנדר, דו פערבלייב נאָך דאָ. (פראָדע פיהרט ארויס לאה׳ן) סנדר! דו געדענקסט דיין אַמאָליגען חבר ניסן רבקה׳ס?

## סנדר

דערשראָקען

ניסן רבקה׳ס?... ער איז דאָך געשטאָרבען...

## ר׳ עזריאל

זיי וויסען, אַז די נאַכט איז ער דריי מאָל געקומען צום מרא דאתרא צו חלום. (ווייזט אויף ר׳ שמשון) און האָט געפאָדערט, ער זאָל אַרויסרופען דיך אויף אַ דין-תורה מיט איהם.

## סנדר

ערשיטערט

מיך אויף אַ דין-תורה?... וועה איז מיר!... וואָס וויל ער פון מיר?... וואָס טהוט מען, רבי?

## ר׳ עזריאל

איך וויים נישט, אין וואָס ער בעשולדיגט דיך, נאָר אָננעהמען די דין-תורה מוזטו.

סנדר

אין וועל טהון ווי איהר הייסט.

ר׳ עזריאל

מיט אנ׳אנדער טאָן

תיכף ומיד שיק אין ברינניץ די פלינקסטע פערד נאָך די מחותּנים מיט׳ן חתן, זיי זאָלען קומען אַהער מאָרגען פאַר האַל־בען טאָג, כּדי אַז גלייך ווי דער דבוק וועט אַרויס זאָל מען שטעלען די חופּה.

סנדר

רבי! אפשר וועלען זיי נישט וועלען איצט מיט מיר זיך מתחתּן זיין און וועלען נישט קומען.

אין טהיר ווייזט זיך דער משולח.

ר׳ עזריאל

מיט תּקיפות

זאָל מען זיי זאָגען, אַז איך האָב בעפוילען... נאָר זעה, דער חתן זאָל קומען בעצייטענס.

דער משולח

דער חתן וועט קומען בעצייטענס.

דער זייגער שלאָגט צוועלף.

(פאָרהאַנג)

# פערטער אקט.

דער זעלביגער צימער וואָס אין דריטען אַקט. אַנשטאָט דעם לאַנגען טיש לינקס, נישט אַ גרויסער טיש, נעהנטער צום ראַמפּאַ. פאַר איהם אין אַ פאָ־טעל און אויף צווײ שטוהלען זיצען: ר׳ עזריאל אין טלית און תפילין און ביידע דיינים. ביים טיש שטעהט ר׳ שמשון. פון דער ווייטענס מיכאל. מען פּערענדיגט מטיב חלום זיין.

## ר׳ שמשון

חלמא טבא חזאי, חלמא טבא חזאי, חזאי!

## ר׳ עזריאל, 1־טער און 2־טער דיינים

צוזאַמען

חלמא טבא חזית, חלמא טבא חזית, חלמא טבא חזית!

## ר׳ עזריאל

רבו! מיר האָבען פותר געווען אייער חלום צו גוטען. איצט זעצט זיך מיט אונז ווי אַ שופט. (ר׳ שמשון זעצט זיך צום טיש, נעבען ר׳ עזריאל׳ן) איצט ווילען מיר שיקען אָנזאָגען דעם מת, ער זאָל קומען צום דין־תורה. נאָר פריהער וועל איך אָבצוימען פאַר איהם אַ ראַנד, פון וועלכען ער זאָל קיין רשות נישט האָבען אַרויסצוטרעטען. מיכאל, דערלאַנג מיר מיין שטעקען! (מיכאל דער־לאַנגט דעם שטעקען. ר׳ עזריאל שטעהט אויף פון אָרט און מאַכט אין לינקען װינקעל פון חדר מיט׳ן שטעקען אַ קיילעכדיגען ראַנד, פון לינקס אויף רעכטס. זעצט זיך צוריק צום טיש) מיכאל, נעהם מיין שטעקען און געה אויף

בית עולם, און אַז דו וועסט אַרויפגעהן אויפ׳ן בית עולם מאַך צו די אויגען און שאַר פאַר זיך מיט׳ן שטעקען, און ביי דעם ערשטען קבר, אָן וועלכען דער שטעקען וועט זיך אָבּהאַלטען, שטעל זיך אָב, און גיב אַ קלאַפּ מיט׳ן שטעקען איבער׳ן קבר דריי מאָל און זאָג בזה הלשון: מת טהור! עזריאל, דער זוהן פון דעם גרויסען צדיק ר׳ איטשעלע מיראָפּאָליער האָט מיך געשיקט בּעטען דיך מחילה, וואָס ער שטערט דיין רוה און בּעפעהלט דיר, דו זאָלסט דורך וועגען, וואָס זענען דיר בּעוואוסט, אָנזאָגען דעם מת טהור ניסן בּן רבקה, אַז דער בּית-דין צדיק פון מיראָפּאָליע רופט איהם אַרויס תּיכּף ומיד אויף אַ דין-תּורה און הייסט איהם קומען אין די בּגדים, אין וועלכע ער איז געקומען צו קבר ישראל. זאָלסט דאָס איבּער׳חזר׳ן דריי מאָל. נאָכדעם קעהר זיך אום און געה צוריק. און נישט קוק זיך אום, וואָס פאַר אַ געשרייען, קולות און רופענישען דו זאָלסט נישט הערען הינטער זיך, און נישט לאָז אַרויס פון האַנד מיין שטעקען נישט אויף איין רגע, אַז נישט—בּיזטו אין אַ גרויסער סכּנה, געה, און גאָט זאָל דיך היטען, וואָרום די, וואָס ווערען געשיקט וועגען אַ מצוה-ענין, ווערען נישט געניזוקט... געה, נאָר פריהער שיק אַריין צוויי מענשען מאַכען אַ מחיצה פאַר׳ן מת. (מיכאל געהט אַרויס. עס געהען אַריין צוויי מענשען מיט אַ ליילעך, מיט וועלכען זיי פאַרהענגען בּיז דער ערד דעם גאַנצען לינקען ווינקעל און געהען אַרויס) רופט אַריין סנדר׳ן. (עס געהט אַריין סנדר) סנדר, האָסטו מקיים געווען, וואָס איך האָבּ דיר בּעפוילען? האָסטו געשיקט פערד נאָך די מחותּנים מיט׳ן חתן?

## סנדר

איך האָבּ געשיקט די פלינקסטע פּערד, נאָר די מחותּנים זענען נאָך נישט געקומען.

## ר׳ עזריאל

שיק זיי אַנטקעגען אַ רייטער, זיי זאָלען פאָהרען וואָס גיכער.

סנדר

איך וועל עס טהון. (כּוויזע)

ר׳ עזריאל

סנדר! מיר האָבען געשיקט אָנזאָגען דעם מת טהור ניסן בן רבקה, אַז דער בית-דין רופט איהם אַרויס אויף אַ דין-תּורה מיט דיר. נעהמסטו אָן אונזער משפּט?

סנדר

איך נעהם איהם אָן.

ר׳ עזריאל

וועסטו מקיים זיין אַלץ, וואָס מיר וועלען בעשליסען?

סנדר

איך וועל מקיים זיין.

ר׳ עזריאל

געה אָב און שטעל זיך רעכטס.

סנדר

רבּי! איך האָב זיך דערמאָהנט... ניסן רבקה׳ס מוז מיך אַרויסרופען צו אַ דין-תּורה וועגען אַ תּקיעת כּף. וואָס איז געווען צווישען אונז... נאָר איך בין אין דעם נישט שולדיג...

ר׳ עזריאל

דאָס וועסטו דערצעהלען שפּעטער, אַז דער בעל תּביעה וועט אַרויסזאָגען זיינע תּביעות. (פּויזע) באַלד וועט זיך בעווייזען צווישען אונז אַ מענש פון דער אמת׳ער וועלט, כּדי מיר זאָלען איהם משפּט׳ען מיט אַ מענשען פון אונזער עולם הדמיון. (פּויזע) אַזאַ דין-תּורה בעווייזט, אַז די דינים פון דער הייליגער תּורה

הערשען איבער אַלע וועלטען און איבער אַלע בעשעפענישען און זענען אַ חוב אי פאַר לעבעדיגע אי פאַר טויטע. (פויזע) אַזאַ דין-תּורה איז זעהר האַרב און פורכטבאַר. אויף איהר ווערט גע-קוקט פון אַלע היכלות. און ווען דער בית-דין זאָל חס ושלום אויף אַ האָר אָבטרעטען פון דין, ווערט אַ רעש אין בית-דין של מעלה. דערפאַר דארף מען צו אַזאַ משפט צוטרעטען מיט אימה און פּחד... אימה... און פּחד...

קוקט זיך אומרוהיג אַרום, שטעלט זיך אָב מיט'ן בליק אויף'ן פאָרהאַנג און ווערט ענטשוויגען. אַ שרעקענדיגע שטילקייט.

## 1-טער דיין

צום צווייטען, שטיל, דערשראָקען

דוכט זיך, ער איז דאָ...

## 2-טער דיין

אינ'ם זעלבען טאָן

ער איז, דוכט זיך, דאָ...

## ר' שמשון

ער איז דאָ...

## ר' עזריאל

מת טהור, ניסן בן רבקה, דער בית-דין צדק איז גוזר אויף דיר, דו זאָלסט נישט אַרויסטרעטען פון דעם ראַנד און פון דער מחיצה, וואָס עס איז פאַר דיר געמאַכט. (פויזע) מת טהור, ניסן בן רבקה. דער בית-דין צדק בעפעהלט, דו זאָלסט זאָגען, וואָס פאַר אַ טענות ותּביעות דו האָסט צו סנדר בן העניעז

שרעקענדיגע פויזע. אַלע הערען זיך צו ווי פערשטיינערט.

## 1-טער דיין

ווי פריהער

דוכט זיך, ער ענטפערט...

## 2־טער דיין

דוכט זיך, ער ענטפערט...

## 1־טער דיין

איך הער אַ קול, נאָר קיין ווערטער הער איך נישט.

## 2־טער דיין

איך הער ווערטער, נאָר קיין קול הער איך נישט...

## ר׳ שמשון

צו סנדר׳ן

סנדר בן העניע! דער מת טהור ניסן בן רבקה טענה׳ט און זאָגט, אַז אין דער יוגענד זייט איהר געווען חברים אין איין ישיבה און אייערע נשמות האָבען פערקניפּט דורכאַנאַנדער אין אַ געטרייער פריינדשאַפט. איהר האָט ביידע אין איין וואָך חתונה געהאַט. נאָכדעם אַז איהר האָט זיך געטראָפען אויף ימים נוראים ביים רבי׳ן, האָט איהר אָבגעמאַכט מיט אַ תקיעת־כף, אַז אויב אייערע ווייבער וועלען פערנומען ווערען אין טראָגען און וועלען געבוירען איינע אַ יונגעל, די אַנדערע אַ מיידעל, וועט איהר זיך מתחתן זיין.

## סנדר

מיט אַ ציטערריגען קול

יאָ, דאָס איז אַזוי געווען.

## ר׳ שמשון

דער מת טהור ניסן בן רבקה דערצעהלט ווייטער, אַז אינגיכען איז ער אָבגעפאָהרען אין מרחקים, דאָרט האָט זיין ווייב געבוירען אַ זוהן אין דער זעלבער צייט וואָס דיין ווייב האָט געבוירען אַ טאָכטער. באַלד נאָך דעם איז ער אַליין נפטר געוואָרען. (קליינע פויזע) אין דער אמת׳ער וועלט האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיין זוהן איז געבענשט מיט אַ הויכער נשמה און

ער שטייגט פון איין מדרגה אויף דער אַנדערער. און זיין פּאָ־טער־האַרץ האָט זיך געפרעהט און געגרויסט. און ער האָט ווייטער געזעהן, אַז ווען זיין זוהן איז גשוואָרען עלטער, האָט ער זיך געלאָזען איבער דער וועלט און איז געגאַנגען פון אָרט צו אָרט, פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָדט צו שטאָדט, וואָרום זיין נשמה האָט זיך געצויגען צו זיין בעשערטער. און ער איז געקומען אין דער שטאָדט, וואו דו וואוינסט, און איז אַריין צו ד'יר אין הויז און געזעצט זיך ביי דיין טיש. און זיין נשמה האָט זיך בעהעפט אין דער נשמה פון דיין טאָכטער. נאָר דו ביזט געווען רייך און ניסנ'ס זוהן איז געווען אָרים. און דו האָסט אָבגעקעהרט דיין בליק פון איהם און ביזט געגאַנגען זוכען פאַר דיין טאָכטער שדוכים פון הויכען יחוס און מיט פיל נדן. (קליינע פויזע) און ניסן האָט ווייטער געזעהן, אַז זיין זוהן פאַלט אַריין אין יאוש. און איז אַוועק וואַנדערן איבער דער וועלט זוכען נייע וועגען, און דעם פאָטערס נשמה האָט זיך דורכגעדרונגען מיט אומרוה און טרויער. און די שוואַרצע מאַכט, דערזעהענדיג דעם יאוש פון בהור, האט אויסגעשפרייט פאַר איהם איהרע נעצען און האָט איהם געפאַנגען און צוגענומען פאַר דער צייט פון דער וועלט, און זיין נשמה האָט געבלאָנדזשעט ביז זי אַריין ווי אַ דבוק אין גוף פון זיין בעשערטער. (קליינע פויזע) ניסן בן רבקה זאָגט: מיט דעם זוהנס טויט איז ער געוואָרען אָבגעשניטען פוןביידע וועלטען, געבליבען אָהן אַ נאָמען און אָהן אַ געדעכעניש, אָהן אַ יורש און אָהן אַ קדיש. עס איז פערלאָשען געוואָרען אויף אייביג זיין ליכט, און די קרוין פון זיין קאָפּ האָט זיך אַראָבגעקייקעלט אין אָבגרונד, און ער בעט דעם בית־דין צדק, ער זאָל משפט'ן סנדר'ן על פי דין פון אונזער הייליגער תורה פאַר די פערגיסונג פון בלוט פון ניסנ'ס זוהן און דעם זוהנס קינדער און קינדס קינדער עד סוף כל הדורות.

פרעקענריגע שטילקייט. סנדר בליפעט.

## ר' עזריאל

סנדר בן העניע. האָסט געהערט די טענות פונ'ם מת

טהור ניסן בן רבקה? וואָס קאָנסטו אויף זיי ענטפערן?

## סנדר

איך קאָן נישט עפּענען דעם מויל און האָב נישט קיין ווערטער צו פערענטפערן זיך. נאָר איך בעט מיין אַלטען חבר, ער זאָל מיר מוחל זיין מיין זינד, וואָרום נישט פון בייזען ווי־לען בין איך עס בעגאַנגען. באַלד נאָך אונזער תּקיעת־כּף איז ניסן אַוועקגעפאָהרען און איך האָב נישט געוואוסט, אויב זיין ווייב האָט געבוירען אַ קינד און וואָס פאַר אַ קינד. נאָכדעם האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז געשטאָרבען. מעהר קיין ידיעות האָב איך וועגען זיין געזינט נישט געהאַט און האָב בּיסלעכווייז פערגעסען וועגען דעם.

## ר׳ עזריאל

פאַרוואָס האָסטו זיך נישט נאָכגעפרעגט? נישט אויסגע־פאָרשט דעם ענין?

## סנדר

געוועהנליך מאַכט דעם חתנ׳ס צד דעם ערשטען שריט. האָב איך גערעכענט, אַז אויב ביי ניסנ׳ען וואָלט געבוירען ווע־רען אַ זוהן, וואָלט ער מיר מודיע געוועזן. (פּויזע)

## ר׳ שמשון

ניסן בן רבקה פרעגט, פאַרוואָס אַז זיין זוהן איז אריי צו דיר אין הויז און געזעצט זיך ביי דיין טיש, האָסטו איהם קיינמאָל נישט געפרעגט ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט?

## סנדר

איך ווייס נישט... איך געדענק נישט... נאָר איך שווער, אַז מיך האָט שטענדיג געצויגען נעהמען דעם בחור פאַר אַנ׳איי־דעם. דערפאַר האָב איך ביי יעדען פאָרגעלעגטען שדוך געשטעלט

אַזעלכע שווערע תּנאים, אַז די מחותּנים זענען אויף זיי נישט איינגעשטאַנען. אויף אַזאַ אופן זענען זיך דריי שדוכים פונאַנ־דערגעגאַנגען. נאָר די קרובים זענען צוגעשטאַנען.. (פויזע)

## ר׳ שמשון

ניסן בן רבקה זאָגט, אַז דו האָסט טיף אין האַרצען דער־קענט זיין זוהן און האָסט מורא געהאַט פרעגען, ווער ער איז. דו האָסט געזוכט פאַר דיין טאָכטער אַ רייכען און אַ זאַטען לע־בען און האָסט איבער דעם אַראָבגעשטויסען זיין זוהן אין אָב־גרונד.

סנדר ווייגט שטיל פאַרדעקענדיג דעם פּנים. שווערע פויזע. עס געהט צריך מיכאל גיט אָפּ ר׳ עזריאלן דעם שטעקען.

## ר׳ עזריאל

רעדט שטיל מיט ר׳ שמשון און די דיינים. הויבט זיך אויף נעהמט דעם שטעקען אין האַנד

דער בית־דין צדק האָט אויסגעהערטביידע צדדים און טראָגט אַרויס אַזאַ פּסק־דין: היות ווי עס איז נישט בעוואוסט, אויב ביים תּקיעת־כּף צווישען ניסן בן רבקה און סנדר בן הע־ניע זענען זייערע ווייבער שוין געווען פערנומען אין טראָגען און היות ווי לויט אונזער הייליגער תּורה האָט נישט קיין ממשות אַנ׳אָבמאַך וועגען אַ זאַך, וואָס איז נאָך נישט בעשאַפען געוואָרען, קאָנען מיר נישט בעשטימען, אַז סנדר איז מחויב גע־ווען מקיים זיין דעם תּקיעת־כּף. נאָר אַזוי ווי אין די היכלות האָט מען אָנגענומען דעם תּקיעת־כּף און מען האָט איינגע־פלאַנצט ביי ניסן בן רבקה׳ס זוהן אין האַרצען די מחשבה, אַז סנדר בן העניעס טאָכטער איז זיין בעשערטע, און אַזוי ווי דורך סנדר׳ס ווייטערדיגער אויפפיהרונג זענען פאָרגעקומען גרוי־סע אומגליקען פאַר ניסן בן רבקה און זיין זוהן,—איז דער בית-דין צדק גוזר, אַז סנדר זאָל אָבגעבען אַ העלפט פון זיין פער־מעגען אָרימעלייט און זאָל זיין גאַנצען לעבען שטעלען יאָהר־צייט און זאָגען קדיש נאָך ניסן בן רבקה און נאָך זיין זוהן,

ווי נאָך אייגענע קינדער. (פויזע) דער בית־דין צדק בעט דעם מת טהור ניסן בן רבקה, ער זאָל מוחל זיין סנדר׳ן במחילה גמורה. און נאָך בעט ער איהם, ער זאָל גוזר זיין אויף זיין זוהן בגזרת אָב, יענער זאָל פערלאָזען דעם גוף פון דער בתולה לאה בת חנה, כדי עס זאָל נישט פערדאַרט ווערען אַ צווייג פון פרוכטבאַרען בוים פון פאָלק ישראל. און דערפאַר וועט דער אַלמעכטיגער אַרויסווייזען זיין גרויס גנאָד צו ניסן בן רבקה און צו זיין פערוואָגעלטען זוהן.

## אַלע

אָמן! (פויזע)

## ר׳ עזריאל

מת טהור ניסן בן רבקה. האָסט געהערט אונזער פסק־דין? נעהמסטו איהם אָן? (אַ שרעקענדיגע פויזע) סנדר בן העניע! האָסטו געהערט אונזער פסק־דין? נעהמסטו איהם אָן?

## סנדר

יאָ, איך נעהם איהם אָן.

## ר׳ עזריאל

מת טהור ניסן בן רבקה. די דין־תורה צווישען דיר מיט סנדר בן העניע האָט זיך געענדיגט. איצט מוזטו זיך אומקעהרען אין דיין רוה אַריין. און מיר זענען גוזר, אַז אין וועג זאָלסטו נישט שעדיגען נישט קיין מענשען און נישט קיין שום לעבעדיגע בעשעפעניש. (פויזע) מיכאל! הייס אַראָבנעהמען די מחיצה און געבען וואַסער. (מיכאל רופט אריין צוויי מענשען, וואָס נעהמען אַראָב דעם פאָרהאַנג. ר׳ עזריאל מאַכט מיט׳ן שטעקען אַ קיילעכדיגען ראַנד אויפ׳ן זעלבען אָרט וואו פריהער, נאָר פון רעכטס אויף לינקס. מען טראָגט אריין אַ שיסל מיט אַ קענדעל, אַלע וואַשען די הענד) סנדר? זענען די מחותנים געקומען?

## סנדר

עס האָט זיך נאָך נישט געהערט קיין רעש פון זייער אָנפאָהרען.

## ר׳ עזריאל

שיק זיי אנטקעגען נאָך אַ רייטער, זיי זאָלען טרייבען די פערד מיט אַלע כחות. הייס צוגרייטען די חופּה מיט די כּלי־זמרים. הייס אָנטהון די כּלה אין איהרע חופּה־קליידער, אַזוי, אַז ווי נאָר דער דבוק וועט אַרויס, זאָל מען זי קאָנען פיהרען צו דער חופּה. וואָס עס וועט זיין געטהון—וועט זיין אָבגעטהון!

סנדר געהט אַרויס. ר׳ עזריאל נעהמט אַראָב און לעגט צונויף טלית און תּפילין.

## ר׳ שמשון

שטיל צו די דיינים

איהר האָט פערשטאַנען, אַז דער מת האָט נישט מוחל געווען סנדר׳ן?

## 1־טער און 2־טער דיינים

שטיל, דערשראָקען

מיר האָבען פערשטאַנען.

## ר׳ שמשון

איהר האָט פערשטאַנען, אַז דער מת האָט נישט אָנגענומען דעם פּסק-דין?

## 1־טער און 2־טער דיינים

מיר האָבען פערשטאַנען.

## ר׳ שמשון

איהר האָט געפיהלט, אַז אויף ר׳ עזריאל׳קעס ווערטער האָט ער נישט געענטפערט אָמן?

## 1־טער און 2־טער דיינים

מיר האָבען געפיהלט.

## ר׳ שמשון

דאָס איז זעהר אַ שלעכטער סימן!

## 1־טער און 2־טער דיינים

דאָס איז זעהר אַ שלעכטער סימן!

### ר׳ שמשון

זעהט ווי ר׳ עזריאל איז צורודערט, ביי איהם ציטערן די הענד. (פויזע) מיר האָבען אונזערס אָבגעטהון, קאָנען מיר געהן...
די דיינים געהען שטיל אומבעמערקט אַרויס. ר׳ שמשון קריבט זיך אויך אַרויסגעהן.

### ר׳ עזריאל

רב. בלייבט דאָ ביז דער דבוק וועט אַרויס, וועט איהר מסדר קדושין זיין. ר׳ שמשון גיט אַ זיפץ און מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ זעצט ער זיך אָן אַ זייט. אַ דריקענדיגע פויזע) רבונו של עולם! פערבאָרגען און וואונדערבאַר זענען דיינע וועגען. אָבער דער וועג, מיט וועלכען איך געה, איז דאָך בעלויכטען מיט דעם שיין פון פלאַם פון דיין הייליגען ווילען. און איך וועל פון איהם נישט אָבטרעטען נישט רעכטס נישט לינקס... (הויבט אויף דעם קאָפּ) מיכאל, האָסטו אַלץ צוגעגרייט?

### מיכאל

יאָ, רבי.

### ר׳ עזריאל

הייס אַריינפיהרען די בתולה. (סנדר און פראַדע פיהרען אריין לאה׳ן אין ווייסען חופה־קלייד מיט אַ שווארצען מאַנטעל אויף די פּלייצעס. זעצען זי אויף דער סאָפע. ר׳ שמשון זעצט זיך נעבען ר׳ עזריאל׳ן) דבוק! אינ׳ם נאָמען פון דעם מרא דאתרא, וואָס זיצט דאָ, אינ׳ם נאָמען פון אַ הייליגער עדה יודען, אינ׳ם נאָמען פונ׳ם גרויסען סנהדרין פון ירושלים, בין איך, עזריאל בן הדס, דעם לעצטען מאָל גוזר אויף דיר, זאָלסט פערלאָזען דעם גוף פון דער בתולה, לאה בת חנה!

### לאה (דבוק)

ענטשידען

איך וועל נישט אַרויסגעהן!

## ר׳ עזריאל

מיכאל, רוף אַריין מענשען און ברענג קיטלען און שופרות און שוואַרצע ליכט. (מיכאל געהט אַרויס און קעהרט זיך אום מיט פופצעהן מענשען, צווישען זיי—דער משולח. זיי טראָגען אריין קיטלען, שופרות און ליכט) נעהמט אַרויס די ספרים! (מיכאל נעהמט אַרייס זיבען ספרי תורות, צוטיילט זיבען מענשען. גיט פונאַנדער זיבען שופרות) האַרטנעקיגער רוח! אַזוי ווי דו ביזט זיך נישט מכניע אונזער בעפעהל—גיב איך דיך איבער אין רשות פון די העכערע רוחות, זיי זאָלען דיך אַרויסצ העהן איבערגעוואַלד. בלאָזט תקיעה.

מען בלאָזט תקיעה

## לאה (דבוק)

גיט זיך אַ ריס פון אָרט, וואַרפט זיך, שרייט

לאָזט מיך! ציהט מיך נישט! איך וויל נישט! איך קאָן נישט אַרויסגעהן!

## ר׳ עזריאל

אַזוי ווי די העכערע רוחות קאָנען דיך נישט גובר זיין, גיב איך דיך איבער אין רשות פון די מיטעלע רוחות, די נישט גוטע נישט שלעכטע, זיי זאָלען דיך מיט זייער אכזריות אַרויס־ציהען. בלאָזט שברים.

מען בלאָזט שברים

## לאה (דבוק)

מיט אָבגעשלאָפטע כחות

וועה איז מיר! אַלע כחות פון דער וועלט זענען אויפגע־שטאַנען אַנטקעגען מיר. מיך ציהען די שרעקליכסטע רוחות, וואָס ווייסען נישט קיין רחמנות; אַנטקעגען מיר שטעהען גדולים און צדיקים און צווישען זיי מיין פאָטערס נשמה און זענען גוזר אויף מיר, איך זאָל אַרויסגעהן. און כל זמן אין מיר וועט בליי־בען כאָטש איין פונק כח, וועל איך זיך ראַנגלען און נישט אַרויסגעהן.

## ר׳ עזריאל

פאַר זיך

ניִשט אַנדערש אַז אימיצער אַ מעכטיגער העלפט איהם! (פּייזע) מיכאל! זאָל מען אַריינשטעלען די ספרים אין אָרון קודש (מען שטעלט אריין) פערהענג דעם אָרון קודש מיט אַ שוואַרצען פּרוכת. (מיכאל פערהענגט) צינד אָן די שוואַרצע ליכט. (מען צינד טאָן) זאָלען אַלע אָנטהון ווייסע קיטלען. (אַלע און אויך ר׳ עזריאל און ר׳ שמשון טהוען אָן ווייסע קיטלען: ר׳ עזריאל שטעלט זיך, הויבט אויף די האנד. הויך און שרעקענדיג) שטעה אויף, גאָט! און זאָלען זיך צושפּרייטען און אַנטלויפען דיינע פיינד פון פאַר דיר. ווי עס צושפּרייט זיך רויך, זאָלען זיי זיך צושפּרייטען... זינדיגער און ווידערשפּעניגער רוח! מיט דעם כח פון אַלמעכטיגען גאָט און מיט׳ן רשות פון דער הייליגער תורה צורייס איך, עזריאל בן הדס, אַלע פעדים, וואָס פערקניפּען דיך מיט דער לעבעדיגער וועלט און מיט דעם גוף און נשמה פון דער בתולה לאה בת חנה...

## לאה (דבוק)

שרייט אויס

וועה איז מיר!

## ר׳ עזריאל

און איך בין דיך מחרים פון כלל ישראל!! תּרועה!!!

## דער משולח

דער לעצטער פונק האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט׳ן פלאַם.

## לאה (דבוק)

אָהן כחות

איך קאָן זיך מעהר נישט ראַנגלען...

מען הויבט אָן בלאָזען תרועה

## ר׳ עזריאל

שטעלט געשווינד אָב די שופרות. צו לאהן

גיסטו זיך אונטער?

## לאה (דבוק)

מיט א טויטען קול

איך גיב זיך אונטער...

## ר׳ עזריאל

זאָגסטו צו מיט׳ן גוטען ווילען פערלאָזען דעם גוף פון דער בתולה לאה בת חנה און מעהר זיך אין איהם נישט אומ־קעהרן?

## לאה (דבוק)

חי פריהער

איך זאָג צו.

## ר׳ עזריאל

מיט דעם זעלביגען כח און רשות, מיט וועלכען איך האָב דיך מחרים געווען, נעהם איך אַראָב פון דיר דעם חרם. (צו מיכאל׳ן) לעש אויס די ליכט און נעהם אַראָב דעם שוואַרצען פרוכת (מיכאל טהוט עס) בעהאַלט די שופרות. (מיכאל קלויבט זיי צונויף,) און זאָלען די אַריינגעקומענע מענשען אַראָבנעהמען די קיטלען און אַרויסגעהן. (די פירצעהן מענשען טהוען אויס די קיטלען און געהען ארויס צוזאמען מיט דעם משולח און מיכאל׳ן. ר׳ עזריאל הויבט אויף די הענד אין דער׳ היך) רבונו של עולם! גאָט פון רחמים און לייטזעליגקייט! קוק אָן אויף דעם גרויסען צער פון דער פערוואָגלטער און גע־פלאָגטער נשמה, וואָס איז איבער פרעמדע זינד און טעות׳ן צעשטרויכעלט געוואָרען. קעהר אָב דיין בליק פון איהרע חטאים און זאָלען ווי אַ דעמפונג ארויפגעהן צו דיר איהרע פריהערדיגע גוטע מעשים, איהר גרויסער צער און דער זכות פון איהרע

אָבות. רבונו של עולם, רוים אָב פון איהר וועג אַלע מלאכי חבלה און גרייט איהר צו אַן'אייביגע רוה אין דיינע פּאַלאַצען. אָמן!

### אַלע

אָמן!

### לאה (דבוק)

גיט אַ שטאַרקען ציטער

זאָגט נאָך מיר קדיש. די בעשטימטע צייט געהט אויס!

### ר' עזריאל

סנדר! זאָג דעם ערשטען קדיש.

### סנדר

יתגדל ויתקדש שמיה רבא. בעלמא די ברא כרעותיה...

דער זייגער שלאָגט צוועלף

### לאה (דבוק)

שפּרינגט אויף פון אָרט

אַ־אַיו!!!

פאַלט אויפ'ן סאָפע ווי אין אונמאַכט.

### ר' עזריאל

פיהרט די כלה צו דער חופה!

עס לויפט אריין מיכאל

### מיכאל

זעהר צורודערט

נאָר־וואָס אומגעקעהרט זיך דער לעצטער רייטער. ער זאָגט, ביי די מחותּנים האָט זיך צובראָכען אַ ראָד און זיי גע-העט צופוס. נאָר זיי זענען שוין נאָהנט, אויפ'ן בערגעל, מען זעהט זיי פון דאַנען!

## ר׳ עזריאל

שטאַרק איבערראַשט

וואָס עס האָט געזאָלט זיין, זאָל זיין! (צו סנדר׳ן) זאָל די אַלטע בלייבען דאָ מיט דער כלה און מיר אַלע וועלען געהן מקבל פנים זיין דעם חתן.

מאַכט אַרום לאה׳ן מיט׳ן שטעקען אַ ראַנד פון לינקס אויף רעכטס. נעהמט אַראָב דעם קיטעל, הענגט איהם אויף נעבען טהיר און געהט אַרויס מיט׳ן שטעקען אין האַנד, נאָך איהם סנדר און מיכאל. לאַנגע פויזע.

## לאה

הויבט אויף. מיט זעהר אַ שוואַכען קול

ווער איז דאָ מיט מיר?... דאָס זייט איהר, באָבינקע? באָ־בעניו? מיר איז שווער. העלפט מיר... פערוויגט מיך...

## פראַדע

גלעט זי

זאָל דיר נישט זיין שווער, טאָכטערל. שווער זאָל זיין דעם טאַטער, דעם שוואַרצען קאָטער, און דיר אויפ׳ן הערצעלע זאָל זיין גרינג ווי אַ פוכעלע, ווי אַ הויכעלע, ווי אַ ווייסע שניי־עלע, הייליגע מלאכים׳לעך זאָלען דיך אַרומכאַפּען מיט זייערע פליגעלעך.

עס הערט זיך אַ כלי־זמר־שפּיל, וואָס מ׳פיהרט צו דער חופּה.

## לאה

פערציטערט, כאַפּט פראַדע׳ן פאַר׳ן האַנד

איהר הערט? דאָס געהט מען טאַנצען אַרום הייליגען קבר׳ל, משמח זיין די טויטע חתן־כלה!

## פראַדע

ציטער נישט, טאָכטערל, האָב קיין מורא נישט. אַרום דיר שטעהט אַ גרויסע וואַך. אַ מעכטיגע וואַך. זעכציג גבורים מיט בלויזע דעגענס בעשיצען דיך פון אַ בייזער בעגעגעניש. די היי־

ליגע אָבות און די היילִיגע אמהות בעשיצען דיך פון אַ בייז אויג.

געהט ביסלעכווייז אריבער אין אַ סקאַנדירענדיגען געזאַנג

באַלד וועט מען דיך פיהרען צו דער חופּה
אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזל׳דיגער שעה...
דיין מאַמע די צדקניות געהט זיך פון גן־עדן אַרויס,
פון גן-עדן אַרויס,
אין גאָלד און אין זילבער אויסגעצירט.
געהען איהר צוויי מלאכים׳לעך אַנטקעגען אויס,
אַנטקעגען אויס.
נעהמען זיי זי פאַר די הענד,
איינער רעכטס און איינער לינקס;
„חנה׳לע דו מיין, חנה׳לע דו פיין,
וואָס האָסטו זיך אויסגעצירט אין גאָלד און זילבער און שיין?״
ענטפערט זיי חנה׳לע אַזוי און אַזוי:
„ווי זאָל איך זיך נישט אויסצירן? דער יום־טוב איז מיר גרויס!
מיין איינציגע טאָכטער, מיין ליכטיגע קרוין,
טהום צו דער חופּה מיט מזל געהן״.
—„חנה׳לע דו מיין, חנה׳לע דו פיין!
פאַרוואָס איז אויף דיין פנים לייד און פיין?״
ענטפערט זיי חנה׳לע אַזוי און אַזוי:
„ווי זאָל איך נישט טרויערן? דער יום־טוב איז מיר וועה!
מיין טאָכטער צו דער חופּה פיהרען פרעמדע לייט,
און איך מוז זיך שטעהן אין טרויער אָן אַ זייט...״
פיהרט מען די כלה צו דער חופּה באַלד,
נעהען איהר אַנטקעגען יונג און אַלט.
קומט אליהו הנביא און נעהמט דעם גרויסען בעכער אין האַנד.
מאַכט ער אַ ברכה אויפ׳ן גאַנצען לאַנד...
אָמן ואָמן...

ווערט אנטשלאָפען. לאַנגע פּויזע.

### לאה

מיט געשלאָסענע אויגען. לאָזט ארויס א שווערען זיפץ. עפענט די אויגען ווער זיפצט דאָ אַזוי שווער.

### חנן'ס קול

איך.

### לאה

איך הער דיין קול, נאָר איך זעה דיך נישט.

### חנן'ס קול

דו ביזט אָבגעצוימט פון מיר מיט אַ פערשוואוירענעם ראַנד...

### לאה

דיין קול איז מיר זיס ווי דער געוויין פון אַ פידעל אין אַ שטילער נאַכט... זאָג מיר ווער ביזטו?

### חנן'ס קול

איך האָב פערגעסען... נאָר דורך דיינע געדאַנקען קאָן איך געדענקען זיך...

### לאה

איך דערמאָן זיך... מיין האַרץ האָט זיך געצויגען צו אַ ליכטיגען שטערן... איך האָב אין שטילע נעכט פערגאָסען זיסע טרעהרען און האָב אין חלום געזעהן שטענדיג אַ געשטאַלט... ביזטו דאָס געוועזן?

### חנן'ס קול

איך...

### לאה

איך דערמאָן זיך... ביי דיר זענען געוועזן ווייכע ווי פער-

ווײַנטע האָר און טרויעריגע מילדע אויגען... בײַ דיר זענען גע־
ווען לאַנגע און דינע פינגער... טאָג און נאַכט האָב איך גע־
טראַכט נאָר וועגן דיר... (פויזע. טרויעריג) נאָר דו ביזט אַוועק
פון מיר, און מײַן ליכט האָט זיך אויסגעלאָשען און מײַן נשמה
איז פערוועלקט געוואָרען. און ווי אַ וויסטע אלמנה בין איך
געווען, אַז צו מיר האָט זיך אַ פרעמדער מאַן דערנעהנט... נאָכ־
דעם האָסטו זיך אומגעקעהרט און אין מײַן האַרצען האָט אויפ־
געבליהט אַ לעבען פון טויט און אַ פרייד פון טרויער. פאַרוואָס
האָסטו מיך ווידער פערלאָזען?

## חננ׳ס קול

איך האָב צובראָכען אַלע צוימען, איך האָב איבערגע־
שטיגען איבער׳ן טויט, האָב פערשטערט אַלע געזעצען פון צײַ־
טען און דורות. איך האָב זיך געראַנגעלט מיט שטאַרקע, מיט
מעכטיגע, מיט אומבאַרמהערציגע. און אַז בײַ מיר האָט זיך
אויסגעשעפּט דער לעצטער פונק כח, האָב איך פערלאָזען דעם
גוף, כדי אומקעהרען זיך צו דײַן נשמה.

## לאה

צאַרט

קעהר זיך אום צו מיר, מײַן חתן, מײַן מאַן... איך וועל
דיך אַ טויטען טראָגען אין מײַן האַרצען און אין די חלומות פון
נאַכט וועלען מיר צוזאַמען וויגען אונזערע נישט געבוירענע קינ־
דערלעך. (הייבט) מיר וועלען זיי נייהען העמדעלעך, מיר וועלען
זיי זינגען לידעלעך (זינגט חיינענדיג)

באַיו, באַיו, קינדערלעך,
אָהן אַ וויג אָהן ווינדעלעך,
טויטע נישט געבוירענע,
אָהן אַ צייט פערלוירענע...

פון דרויסען הערט זיך אַ חופּה־מאַרש, האָס דערנעהנטערט זיך. לאה פערציטערט:

מען געהט מיך פיהרען צו דער חופּה מיט אַ פרעמדען! קום צו
מיר, מײַן חתן!

## חנן'ס קול

**דיין גוף האָב איך פערלאָזען און קום צו דיין נשמה.**

ער בעהאַלט זיך אין וואַנט אין ווייסען.

## לאה

מיט פרייד

**דער ראַנדן־צוים צובראָכען! איך זעה דיך, חתן מיינע קום צו מיר!**

## חנן

ווי א ווידערהאָל

**קום צו מיר!**

## לאה

שרייט אויס מיט פרייד

**איך געה צו דיר.**

## חנן

ווי א ווידערהאָל

**איך געה צו דיר.**

## קולות

הינטער'ן סצענע

**פיהרט די כלה צו דער חופה!**

א חופה־מאַרש. לאה פערלאָזט אויפ'ן סאָפע דעם שוואַרצען מאַנטעל און אינגאַנצען אין ווייסען געהט זי אונטער'ן חופה־מאַרש צו חנן'ען, שטעלט זיך אויף זיין אָרט און ווי זי גיסט זיך צונויף מיט איהם. עס געהט אריין ר' עזריאל מיט'ן שטעקען אין האַנד, נאָך איהם דער משולח. שטעלען זיך אָב בײַם טהיר. אין טהיר סנדר, פראַדע, די איבעריגע.

## לאה

מיט א קול ווי פון דער ווייטענס

**א גרויסע ליכט צוגיסט זיך רונד־אַרום... איך בין בעהעפט**

מיט דיר אויף אייביג, מיין בעשערטער... צוזאַמען שוועבען מיר צלן העכער, העכער, העכער...

עס ווערט אַלץ פינסטערער.

## ר׳ עזריאל

אראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ

פערשפעטיגט...

## דער משולח

ברוך דיין האמת.

עס ווערט שטאָק־פינסטער. פון דער ווייטענס הערט זיך שטיל-שטיל

מחמת וואָס, מחמת וואָס,
איז די נשמה
פון העכסטער הויך
אַראָב אין טיפסטען גרונד?
—דאָס פאַלען טראָגט
דעם אויפקומען אין זיך...

(פאָרהאַנג)

צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט צו שלשים כּח כסלו תרפ״א (9|XII 1920) אין וואַרשאַ, דורך דער ווילנער טרופּע אין טעאַטער „עליזעאום״, אונטער דער רעזשי פון דוד הערמאַן, ביי פאָלגענדען אַנסאַמבל:

## ערשטער אַקט

| | |
|---|---|
| 1־טער } בטלנים | אליעזר זשעלאַזאָ |
| 2־טער } בטלנים | אברהם מאָרעווסקי |
| 3־טער } בטלנים | יעקב ווייסלין |
| דער משולח | נח נאַכבוש |
| הנן | אליהו שטיין |
| מאיר, שמש אין שוהל אין ברינ־ניץ | שלום טאַנין |
| הענעך } ישיבה־בחורים אין בריניץ | יוסף בולאוו |
| אָשר } ישיבה־בחורים אין בריניץ | *_* |
| שרה בת טובים | פאָליע וואַלטער |
| ר' סנדר ברינ־ניצער | מתתיהו קאָוואַלסקי |
| לאה, זיין טאָכטער | מרים אָרלעסקאַ |
| פראַדע, איהר אַלטע ניאַניע | יהודית לאַרעס |
| גיטל, לאה'ס אַ חבר'טע | חיה בראַז |

## צווייטער אַקט

| | |
|---|---|
| צנ'אורח | שמואל שעפּטעל |
| 1־טער בטלן | אליעזר זשעלאַזאָ |
| אַ האָרבאַטער | יוסף בולאַח |
| אַנ'אַלטע אָרימע | יוכבד חייסלין |
| טויטען־טאַנץ | פאָליע וואַלטער |
| לאה | מרים אָרלעסקאַ |
| פראַדע | יהודית לאַרעס |
| גיטל | חיה בראַז |
| בחיה, לאה'ס אַ חבר'טע | ראָזע בירנבוים |
| ר' סנדר | מתתיהו קאָוואַלסקי |
| מאיר | שלום טאַנין |
| מנשה, לאה'ס חתן | *_* |
| ר' נחמן, זיין פאָטער | לייב קאַדיסאָן |
| ר' מענדל, מנשה'ס רבי | יעקב חייסלין |
| דער משולח | נח נאַכבוש |

## דריטער אַקט*)

| | |
|---|---|
| 1־טער / 2־טער } חסידים | שמואל שעפּטעל / יעקב ווייסליץ |
| דער משולח | נח נאַכבוש |
| ר׳ עזריאל׳קע מיראָפּאָליער, אַ צדיק | אברהם מאָרעווסקי |
| מיכאל, זיין גבאי | שלום טאַנין |
| ר׳ סנדר | מתתיהו קאָוואַלסקי |
| לאה | מרים אָרלעסקאַ |
| פראַדע | יהודית לאַרעס |
| ר׳ שמשון, רב פון מיראָפּאָליע | לייב קאַדיסאָן |
| חנן | אליהו שטיין |

חסידים, מחו גים, כלי־זמרים, אָרימעלייט א. אַ.

---

די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרען אָהן סופלאָר.

# טאָג און נאַכט

## אַ טראַגעדיע אין דריי אַקטען.

פון דעם דאָזיגען ווערק זענען פערבליבען נאָר איינצעלנע פראַגמענטען פון דער ערשטער פעדער. ביים דיכטער איז אָבער דאָס ווערק געווען פאַרטיג אין געדאַנק. מיר האָבען פון דיכטער אַליין געהערט דעם סיפור המעשה. מיר האָבען אויך נאָכקאָנטראָלירט דעם אינהאַלט לויט דער פערצעהלונג פון דיכטערס פריינד, פרוי ד״ר סאָפיאַ סירקין־בינשטיין, פאַר וועלכער ער האָט די זאַך פערצעהלט קורץ פאַר זיין טויט.

דאָס גיט אונז די מעגליכקייט פונאַנדערצוטיילען די פראַגמענטען לויט זייער סדר און איבערגעבען אין קורצען דעם אינהאַלט פון די נישט אָנגעשריבענע טיילען.

(רעד.)

# פּערזאָנען.

ר׳ דן—דער קריניצינער רבי.

דבורה—זיין מוטער

מרים—זיינע אַ פּלימיעניצע

חנניה—דעם רבינ׳ס גבאי

גדליה—אַן׳אַלטער משרת

מענדעל—אַ סרבן

# פֿראַגמענטען פון ערשטען אַקט.

ביי ר׳ דן. אַ גרויסער חדר שטרענג בעשטעלט. שאַפעס מיט ספרים. אין מזרח־וואַנט אַנ׳אָרון־קודש. רעכטס אַ טהיר פֿון גאַס, לינקס, אַ טהיר אין די אינעווייניגסטע חדרים. צוויי פענסטער דורך וועלכע עס זעהט זיך די גאַס, פון דערווייטען, הייזלעך. איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, הערט זיך אַ טרויעריגער געזאַנג:

הנשמה לך והגוף שלך
חוסה על עמלך.

די סצענע שטעהט אַ ווײַלע פוסט. פון דער טהיר רעכטס געהט אַריין דבורה, אַ טיפֿע זקנה, מיט אַ שטעקען, קוים וואָס זי געהט. לאַנגזאַם געהט זי דירך די סצענע און געהט אין טהיר לינקס. אַ קליינע פויזע. ס׳הערט זיך פֿון דערווײַטענס אַ געוויין, אַ קלאַפּ מיט אַ פושקע, אויסגעשריי: „צדקה תציל ממות!“ אין פֿענסטער ווייזט זיך אַ לויה, וועלכע געהט לאַנגזאַם פֿאַרביי. נאָכ׳ן אָרון געהט אַ קלאָגענדיגע יודענע. קליינע פויזע. פֿון גאַס געהען אַריין חנניה און גדליה.

חנניה

פון פריהמאָרגען היינט, די זיבעטע לויה!
נאָך נישט געווען אַזאַ מגפה.
שטאַרבען עופ׳עלעך ווי פליגען.

גדליה

טהוט מען וואָס, מען זאָל זי שטילען?

חנניה

געטהון שוין אַלץ, וואָס נאָר געקענט צו טהון.
געמאָסטען פעלד, מיט שיר המעלות׳ן, מיט תהלים
און אַרום שטאָדט געמאַכט אַ גדר. דריי תעניתים
די שטאָדט געפאַסט,—און אויפ׳ן פעלד געשטעלט אַ חופה...

גדליה

און דער רבי, וואָס?

חנניה

פיהרט פאַנאַנדער מיט די הענט

דער רבי...

גדליה

וואָס פאָרט? דער רבי מיט איין וואָרט
קאָן שטילען די מגפה... איהם איז וואָס דען שווער?

חנניה

דו פרעגסט... דו קענסט נישט אונזער רבי׳ן? זיינע
דרכים...
קאָן זיי ווער פערשטעהן?

גדליה

דהיינו?

## חנניה

גאָרנישט... שווייגט... עס טרעפט ביי איהם דאָך אָפט:
פערשפאַרט ביי זיך אין חדר, איינגעהילט אין טלית,
זיצט ער צוויי דריי טעג, אַמאָל נאָך לענגער,
זיצט און שווייגט, אָדער ער ברומט אַ ניגון
און הערט און זעהט נישט וואָס עס טהוט זיך. נישט ער עסט
און נישט ער טרינקט און נאָר אין מקוה געהט ער...
אין אַזעלכע שעות, רייד מיט איהם צי נישט,
עס העלפט נישט... האָט מען מורא צו גענעהנען.

## גדליה

נאָר ס'טייטש אַזאַ מגפה... אַז מען מוז—
מען מוז דאָך איהם דערוועקען פון התבודדות.
שרייען, בעטען... ווער-זשע, אַז נישט ער?

## חנניה

ס'איז גרינג צו זאָגען שרייען בעטען. נעכטען
איז דער גאַנצער קהל ווי איין מענש,
צו מיר געקומען איך זאָל געהן און ריידען;
זיי ווייסען, כ'בין שוין צוואַנציג יאָהר זיין גבאי;
און מוסר נפש האָב איך זיך געוועזן,
אַריין צו איהם אין חדר. וואָס זשע זעה איך?
ער ליגט אויף דר'ערד, צושפרייט די הענד,
דער גאַנצער גוף, איהם ציטערט פון געוויין.
איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקען, אויפגעהויבען איהם:
דער פנים בלאַס ווי קאַלך, די אויגען אויסגעשטאַרצט,
און טרעהרען טרעהרען, איינס נאָך איינס,
דער גאַנצער פנים איז איהם נאַס.
איך רוף איהם: „רבי!” ענטפערט ער מיר שטיל:
„חנניה, העלף מיר תשובה טהון...”

איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקען און גענומען
תּהלים זאָגען, ער גאָך מיר און וואָרט אין וואָרט.
און נאָכדעם הויב איך אָן צו ריידען
געוואָלט, על אודות דער מגפה,
גאָר נישט ער הערט און נישט ער זעהט מיך.
אַזוי אַוועק פון איהם מיט גאָרנישט.
היינט געה דערנאָך דערצעהל דאָס בעלי-בתּים!
נו האָבען זיי בעשטימט, נאָך היינט אַליין צו קומען,
פערשטעהט זיך נאָר די פּני-העיר.

## גדליה

דער אַלטער, זכותו יגון, איז געוועזן גאָר אַנדערש.
די הנהגה זיינע, איך געדענק ווי היינט...
גרויס, אַנ׳אימה! און מיט וואָסער טויט געשטאָרבען!
פערציג יאָהר פערביי פון יענער צייט,
און אַז ס׳געהט מיר אויפ׳ן זינען—נעהמט אַ שוידער.

## מענדעל

דוכט זיך, אַז בעת אַ מהומה האָט מען איהם גע׳הרג׳עט.

## גדליה

אַלץ הייסט אַ מהומה. אויסגעקוילעט יודען
אַ האַלבע שטאָדט. אויך איהם געקוילעט. רוצחים.
די רבי׳צין געבליבען מעוברת,
פאַר שרעק און צער אַליין שיער נישט געשטאָרבען

## חנניה

אונזער רבי קאָן מען זאָגען איז אַ צדיק
שוין מבטן אמו; איידער נאָך געבוירען
האָט איהם די וועלט שוין אָנגענומען פאַר אַ מנהיג
דערפאַר איז ער אי אפשר אַזוי גרויס. (פּויזע)

מענדעל

נו, וועגען אַלטען איז דאָך צו דערצעהלען וואונדער,
גאָר אָהן אַ שיעור.

חנניה

אַ קליינינקייט צו זאָגען
ער איז דאָך דעם בעל שם׳ס געוועזן אַ תּלמיד.

(פערטראַכט)

מען זאָגט, אין איהם געוועזן איז די נשמה
פון זכריה הנביא, וואָס איז אומגעקומען
פון מערדערישע הענד אין בית-המקדש
זיין שליטה איז געוועזן אין צלע הימלען
איך האָב אַליין געהערט פון אַ בּאַ׳איש נאמן
אַז כ״ח ניסן, ווען ביי די מלאכים
איז ראש השנה, פלעגט ער זיי צושטעלען
אין זייער סדר פאַר׳ן כסא הכבוד
און פלעגט איהם ווער פון זיי נאָר נישט געפעלען—
פערטריבען און אַ צווייטען אויף זיין אָרט...

מענדעל

היינט וואָס מיט די נישט-גוטע, רה״ל!
זיי, זאָגט מען, האָבען פאַר זיין שיין געציטערט,

חנניה

און וואָס ר׳ דן! האָט ער גע׳פּטר׳ט ווייניג!

גדליה

ביי אונז אין שטאָדט דערצעהלט מען אַזאַ מופת:
מען האָט איהם אָנגעזאָגט אַז ס׳האָבען זיך די שוואַרצע
בעזעצט אין מקוה, שרעקען אָב די ווייבער.
איז ער אַהין אַוועק און אויסגעפּאָרשט די זאַך.
ער איז אַליין אַריין אין מקוה. ווי ער קומט אַריין,

דאַן האָבען זיי אַרומגערינגעלט איהם, געוואָלט דער-
שטיקען.
ער נעהמט בעשווערען, הערען זיי און לאַכען
נו, נו, האָט ער געכאַפּט דעם שוחט'ס חלף,
אַריין אין מקוה און גענומען שעכטען.
ווי שפּעטער האָט ער זיי געשאָכטען, איינס נאָך איינס,
דאָס וואַסער איז געוואָרען רויט אינגאַנצען.

## חנניה

איך בין נאָך דאַן זיין גבאי נישט געווען.
דערצעהלט מען, ווען ער איז אַהיימגעקומען
איז ער געווען צורודערט, לאַנג געפאַסט,
און האָט גע'טענה'ט: ר'איז אַ חטא בעגאַנגען
ר'האָט זיך צוהיצט. האָט נישט געדאַרפט פערגיסען
קיין בלוט, אפילו שד'יש בלוט. פערטרייבען,
ר'האָט נאָר געדאַרפט פערטרייבען זיי פון מקוה.
די מעשה ווייס איך וואויל פון אַנ'איש נאמן

פויזע

## מענדעל

נו וואָס וועט עפּעס זיין מיט אונזער ענין?
די מחותנים קומען מאָרגען אָן.

## חנניה

דער רבי ווייס געוויס... אין אַנ'עת צרה
צו שרייבען תנאים, און אַ סעודה פּראַווען
איז דאָך נישט פּאַסיג... ר'האָט געוויס געטראַכט,
נאָר גאָט וועט אפשר העלפען ביז די תנאים

עס געהט אריין דבורה. אלע הויבען זיך אויף.

## חנניה און גדליה

גוט מאָרגען, רבי'צין!

דבורה

גוט מאָרגען, אַ גוט יאָהר.

חנניה

אַנ׳אורח איז געקומען פון בערדיטשעוו.

דבורה

ברוך הבא.

חנניה

פון דעם סאַוראָניער רב.
די מחותנים זענען מסכים אויף די תנאים,
אויף נדן, קעסט און וואָס מען האָט געמאָהנט.

דבורה

מען דאַרף דעם רבי׳ן פרעגען... איך בין מסכים.
אויב ס׳איז בעשערט זאָל זיין מיט מזל תנאים.
דעם רבי׳ן זאָג.

חנניה

ער דאַוונט נאָך ביי זיך.

צו גדליה׳ן

רבותי, לאָמיר געהן אין קלויז דערווייל
איהר וועט אי״ה מאָרגען זעהן דעם רבי׳ן.
אַ גוטען טאָג, דער רבי׳צין!

גדליה

אַ גוטען טאָג.

דבורה

געהט געזונטערהייד.

זיי געהען ארויס. עס געהט אריין מרים חיי פער׳חלומ׳ט. שטעלט זיך ביים פענסטער. עס געהט דורך א לויה.

מרים

ווידער אַ לויה... פון אַ קינד ווייזט אויס
די מוטער לויפט און בּרעכט די הענד און שרייט...

הערט זיך צו

וואָס שרייט זי? בּאָבּעניו, איהר הערט. זי שרייט:
גאָט, איך וועל דיר נישט מוהל זיין מיין קינד!

דבורה

נאַרישע געשרייען קומען נישט צו גאָט...

מרים

בּאָבּע! אַלע טענה׳ן: זינד אין שטאָדט...
בּעהאַלטענע און גרויסע זינד אין שטאָדט...
פאַרוואָס-זשע שטאַרבּען קליינע קינדער?
פאַרוואָס שטראָפט גאָט נישט יענע וועלכע זינדען
נאָר זיי, די קינדער, ריינינקע פון זינד?

דבורה

גאָט שטראָפט די טאַטע-מאַמע, נישט די קינדער.
די קינדער נעהמט ער צו נאָר פון דער וועלט.

מרים

איז דאָס דען נישט קיין שטראָף?

דבורה

פערטראַכט

ווער ווייס?
בּעשאַפען ווערען, אָבּלעבּען אַ לעבּען
איז דאָס אפשר די שטראָף, נאָך גרעסער, האַרבּער,
ווי יונגערהייד אַוועקגעהן פון דער וועלט (פויזע)

מרים

זינט איך געדענק אייך, בּאָבּע, זייט איהר שטענדיג

פערטראַכט און טרויעריג. קיין איינציג מאָל
האָב איך אַ שמייכעל נישט געזעהן אויף אייער פּנים.
פאַרוואָס איז דאָס?

## דבורה

קוקט אויף איהר

ביזט יונג מיין קינד צו וויסען... (פּויזע)

## מרים

שטענדיג זיצט איהר נאָר פערטראַכט, וואָס טראַכט איהר,
באָבע?

## דבורה

זינדיגע מחשבות... וועגען גאָט און זיינע דרכים.

## מרים

וועגען גאָט?... וואָס קאָן מען טראַכטען וועגען איהם?
איהם קאָן מען, דוכט זיך, מעהר נישט, פיהלען,
נאָר נישט טראַכטען וועגען איהם...

## דבורה

וועסט אָבלעבען מיין טאָכטערל, אַ וועלט,
וועסטו פערשטעהן... (פערטראַכט) ער שטראָפט און שטראָפט...

## מרים

פאַר זיך

גאָט וועט רחמנות האָבען, מוחל זיין די זינד.

## דבורה

קוקט אויף איהר

רחמנות האָבען זאָגסט דו? ווער? (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ)
גאָט האָט נישט קיין רחמנות, ר'איז נישט מוחל זינד.

מרים

וואָס רעדט איהר, באָבעניו? וואָס ט׳איהר געזאָגט,
גאָט האָט נישט קיין רחמנות?

דבורה

ניין.
און וואָס קאָן העלפען גאָטס רחמנות און מחילה.
נישט געטראָפען, ר׳זאָל אַ חטא פערגעסען,
ווי די תשובה איז נישט גרויס, פערמעקט זי נישט די זינד.
וויפיל גאָט איז קינ׳ען מוחל—הבל בלייבט דאָך טויט.
זכריה׳ס בלוט, אַמאָל פערגאָסען, קעהרט נישט מעהר אין גוף.
קאָן דען ווערען אויסגעמעקט אַ זינד, וואָס איז געשעהן?

מרים

דערשראָקען

דאָס האָט דער פעטער אייך געזאָגט?

דבורה

איך ווייס נישט... איך געדענק נישט. איך האָב אַליין געטראַכט.
איך האָב געלייענט ספרים הייליגע...
און אפשר האָט דער רבי מיר געזאָגט... (פויזע)
ווייסט מיין קינד, דאָ איז אַ שדכן פון סאַוואָניער רב.
מ׳רעדט דיר מיט זיין זוהן אַ שדוך.
אַנ׳עלוי, אַ מיוחס, סמיכה אויף הוראה,
דער רב גיט הונדערט רענדלעך נדן...

מרים

דערשראָקען

אַ שדוך מיר?... ניין, באָבע! ניין.

דבורה

וואָס האָסט דו זיך אַזוי דערשראָקען?
אויפ׳ן רבי׳ן מעגסטו זיך פערלאָזען,
אויב ר׳איז מכּכּים הייסט דאָס—איז בעשערט.

מרים

אָבער איך—איך וויל נישט, ניין! ניין! ניין!

דבורה

מיט וואָס געפעלט דיר נישט דער שדוך?

מרים

דער שדוך? וועלכער שדוך? כ׳ווייס דאָך נישט...
נאָר ניין, קיין חתונה וויל איך נישט האָבען, ניין!

דבורה

דו רעדסט גאָר ווי אַ קינד. פערגעסט,
אַז דיר איז אָהן אַנ׳עין-הרע
שוין זעכצעהן יאָהר, ביז הונדערטצוואַנציג יאָהר.

מרים

באָבע, האָט רחמנות, רעדט נישט וועגען דעם,
איך קאָן קיין חתונה נישט האָבען...

דבורה

פאַרוואָס? איך הויב נישט אָן פערשטעהן! פאַרוואָס?

מרים

פאַרוואָס? (פערוואונדערט) איך ווייס אַליין נישט, באָבע,
נאָר איך קאָן נישט. אַז איך גיב אַ טראַכט,
פערקוועטשט דאָס האַרץ און ס׳נעהמט מיך אָן אַ פחד.

### דבורה

נו, גוט, דער רבי וועט מיט דיר שוין ריידען...

### מרים

פֿערציטערט

באָבע! באָבע! זאָגט איהם נישט!
איך ציטער, איך האָב מורא. האָט רחמנות...
זאָל נאָר ער מיט מיר נישט ריידען!
איך קאָן נישט, באָבעניו (שרייט אויס) איך קאָן נישט! ניין!

לויפֿט אַרויס פון חדר. אין טהיר בעוויזט זיך ר' דן. שטעהט אַ ווײַלע, ווי פֿער'חלום'ט

### ר' דן

עמיצער האָט דאָ געשריען. ווער?

### דבורה

דערשראָקען

גאָרנישט, גאָרנישט, ליבער זוהן... מיט מרימ'ען גערעדט.
דו קענסט דאָך זי... אַ קינד... האָט זיך צעוויינט...

### ר' דן

צעוויינט?

### דבורה

אַ מאַך מיט'ן האַנט

צעוויינט... זי וויל דעם שדוך נישט...
פאַרוואָס? פאַר ווען? זי ווייס נישט וואָס צו זאָגען.
ציטערט, שרייט און וויינט און אַלץ אָהן ווערטער.
איך הויב נישט אָן פערשטעהן אפילו,
וואָס אַזוינס מיט איהר קומט פאָר.

### ר' דן

מאַכט עטליכע טריט. פֿערטראַכט

זי וויל דעם שדוך נישט?... אַזוי אָהן טעמים גאָר?

(גיט אַ ציטער) מסתמא נישט בּעשערט... מען נייט נישט
אַ יתומה...
איך וועל מיט איהר נאָך דורכריידען אַליין...

וויל געהן

## דבורה

מיין זוהן... איך בּעט דיך, זיץ מיט מיר אַ ווײַלע.

## ר׳ דן

חי פּער׳הלומ׳ט געהט צו און זעצט זיך נעבען איהר

## דבורה

קוקט אויף איהם

שוואַך בּיזט דו, מיין זוהן, קוים וואָס דו געהסט...
שוין היינט דער דריטער טאָג—דו פאַסט.

## ר׳ דן

דער דריטער?...

## דבורה

יאָ, דער דריטער... אפשר וואָלט גענוג זיין?

## ר׳ דן

גענוג? (טראַכט) ניין, ניין, נאָך נישט גענוג...
תשובה הייסט: זיך אומקעהרען צוריק
אַהין, פון וואַן מען האָט גענומען בּלאָנדזשען,
און איך בּין נאָך אַהינצו נישט געקומען...

## דבורה

פערבּיטערט

דו? נאָך נישט געקומען?

## ר׳ דן

ניין!

דבורה

און די מקואות דיינע... דריי פיר מאָל אַ טאָג,
זיי נעהמען צו ביי דיר דעם לעצטען כח...

ר' דן

די נשמה רייניגט מען מיט פייער,
דעם גוף מיט וואַסער... (פויזע)

דבורה

שלאָף בין איך, מיין זוהן... מיין צייט איז שוין געקומען'
איך דאַרף זיך גרייטען אין דעם וויטען וועג...

ר' דן

דיין שעה איז נאָך נישט אָנגעשטאַנען...
איך האָב נאָך כח דיך צו שטאַרקען און בעשיצען.
לעב און זיי געזונד...

דבורה

מיט געבעט

מיין זוהן, איך וייס דיין מאַכט...
נאָר האָב רחמנות אויף דיין אַלטער מאַמען,
האַלט מיך מעהר נישט אויף... גענוג, גענוג געלעבט...
די לאַסט איז שווער פאַר מיר צו טראָגען
לאָז מיך געהן...

ר' דן

ווי אין חלום

דיך לאָזען געהן?... איך קאָן נישט.
איך דאַרף, איך מוז דיך האָבען דאָ,
דו ביזט מיין גאַנצער אָנהאַלט... נישט צו פאַלען...

דבורה

וואָס רעדסטו, זוהן? דיין אָנהאַלט איך?

אַ זינדיגע, אַ בלינדע און אַ שוואַכע?
האַלטסט און טראָגסט אַליין אויף דיינע פּלייצעס וועלטען,
טראָגסט אין האַרצען צער און פּיין פון פעלקער,
וואָס דאַרפסטו מיך?

## ר׳ דן

דורך דיר בין איך בעהעפט מיט מיינע אבות,
געבונדען מיט די גדולים און צדיקים,
וואָס טהוען זייער מאַכט אין הימלען שפּרייטען,
וואָס בויען אויף און מאַכען חרוב וועלטען—
דורך דיר און דורך מיין פאָטער, זכותו יגון.
אויף אייך, אויף ביידען קאָן איך מיך נאָך שטיצען.
אַזוי אויף דער, ווי אויך אויף יענער וועלט.

## דבורה

מיט פערביטערונג

שטיץ דיך נישט, מיין זוהן, אויף פרעמדע פּלייצעס!
ווער קאָן דען שאַצען זייער מאַכט און כח?
ביזט שטאַרק אַליין גענוג. אויף זיך אַליין
דו קאָנסט זיך שטיצען, נישט אויף אבות... וועה איז
מיר!...

## ר׳ דן

אויף אבות זיך נישט שטיצען? היינט אויף וועמען?
אויף וועמען, פרעג איך, אויב דען נישט אויף זיי?
אַ לייטער שטעהט פון דר׳ערד און ביז צום הימעל.
אויף איהם מלאכים שטייגען אויף און אָב.
אפילו זיי צום שטייגען ברויכען שטאַפּעל,
בפרט אַ מענש,

## דבורה

אַ מענש איז שטאַרקער פאַר אַ מלאך,

דו האָסט אַליין דאָס מיר געזאָגט... (פויזע) נו און די אבות—
זיי קאָנען מיט דער הילף פון קינדער שטייגען,
ווען אָהן דער הילף—זיי נידערן אַראָב.

## ר' דן

אַ בונד איז דאָ אַ שטאַרקער, דאָס איז אמת.
די קינדער קאָנען פיל מתקן זיין.

## דבורה

מיט געבעט

איך האָב צו דיר, אָ קינד מיינס, אַ בקשה,
אָ זאָג מיר צו, דו וועסט מיך נישט פערלאָזען,
ווען קומען וועט מיין שעה. דו וועסט מיך שיצען,
דו וועסט אַ מליץ זיין פאַר מיר, וועכט טענה'ן, בעטען
און וועסט אַ זכות אויף מיר געפינען (חיינט)

## ר' דן

מאַמע!
וואָס דריקט דיין האַרץ? ענטפלעק פאַר מיר דעם סוד!
צי האָט זיך, חס ושלום, דיר וואָס בייז געחלומ'ט.
צי אפשר האָט חנניה עפּעס שלעכטס פערצעהלט?

---

(דער פראַגמענט רייסט זיך דאָ איבער. לויט דעם אינהאַלט פון דער זאַך ווערט דער געשפרעך פון ר' דן מיט דער מוטער נישט דערפיהרט ביז'ן סוף. ער ווערט וואַהרשיינליך איבערגעריסען דורך חנניה'ן, וואָס קומט אָנזאָגען, אז די שטאָדט־בעלי־בתים זענען געקומען. דער רבי הייסט זיי אַריינקומען. דבורה געהט אַרויס.

די בעלי־בתים קומען אריין און פאַלען־צו צום רבי'ן, ער זאָל העלפען. די מגפה פערשפרייט זיך, טענה'ן זיי, און די גאַנצע זינד, וועלכע האָבען געבראַכט די מגפה, טהוען זיך אָב הינטער'ן שטאָדט אין מיהל. דאָרט קומען פאַר נאַכט ביי נאַכט ווילדע זאַכען, אז ביי די וואָס האָבען דאָס צוגעזעהן, שטעלען זיך די האָר קאַפויער. דער רבי הערט זיי אויס און זאָגט צו אויסצופאָרשען די זאַך. ער שיקט חנניה'ן נאָכקוקען, וואָס טהוט זיך ביינאַכט אין מיהל הינטער'ן שטאָדט.

מיט דעם ענדיגט זיך דער ערשטער אַקט.)

# פראגמענט פון צווייטען אקט.

(אין צווייטען אקט פעהלט די ערשטע רעמארקע. לויט דעם דיכטערס מינדלי־כער ערצעהלונג איז זי פאלגענדע:
דערזעלבער צימער וואס אין ערשטען אקט. פריהמארגען. ר׳ דן ווארט מיט אומגעדולד אויף דעם צוריקקומען פון זיין גבאי, וועלכען ער האט נעכטען געשיקט אויספארשען די מעשים אין מיהל הינטער׳ן שטאדט. חנניה קומט אריין א האלב־טויטער פאר שרעק. ר׳ דן פאלט צו איהם צו מיט גרויס אומגעדולד)

## ר׳ דן

ריידן דערצעהל מיר אלץ, וואס דו האסט דארט געזעהן.
קיין איינציג ווארט פערלייקען נישטו

## חנניה

מיט אנ׳אפגעהאקטען אטעם

צו וואס?... נאך וואס?...
איהר ווייסט אליין... איהר ווייסט, איהר ווייסט!... אוי וועה איז מיר!

## ר׳ דן

חנניה! צופיל גלויבסט דו אין מיין גרויסען כח!
פאר מיינע אויגען איז נישט אלץ ענטפלעקט.

און ווענען דעם איז ניכט דיין זאך צו טראכטען.
ריידו דערצעהלו

חנניה

כ'האב מורא, רבי! ס'ציטערט יעדער אבר.

ר' דן

דאן בין איך גוזר, זאלסט דערצעהלען! הערסט?

חנניה

זייך קאן קיין מויל נישט עפענען, רחמנות, רבי!

ר' דן

חנניה! איך וועל טילמען! (פויזע)

חנניה

שוואך, מיט א ציטערדיגען קול

כ'בין געגאנגען... בין צום מיהל געקומען,
און אויסגעזוכט אין וואנט א שפארע. צוגענאלען קוקען.
פינסטער, שטיל איז דארט געווען, א ריח ווי פון שוועבל,
האט זיך פון דארט געטראגען און געשטיקט דעם אטעם.
נאר אם האט אויפ'ן טורעם-זייגער האלבע נאכט געשלאגען
און מיט אמאל האט זיך דער גאנצער מיהל בעלויכט.
איך בין פערבלענדט געווארען פון דעם ליכט.
איך קוק—א גרויסער זאל, בעצירט מיט גאלד און זילבער,
אין אלע ווינקעלעך נאר דימענטען און פערל.
און טישען שטעהען, און אויף זיי מאכלים און משקאות.
איך קוק—עס זיצט ביים טיש א שווארצער איינער,
אינגאנצען א בעוואקסענער, א האריגער, מיט הערנער,
די פיס ווי ציגענע, דערנעבען א נקבה...
געבלויזט, מיט האר ביז דר'ערד צופלאכטען
און נאך נקבות, נאך און נאך און טויזענדער נישט-גוטע,

כּ׳ס עק און הערנער, פּליהען און בעדינען...
און אַלע זענען אויפגערעגט און ליאַרעמען און שרייען:
„וואָס קומט ער נישט? וואָס זוימט ער זיך. שוין צייט אַז
ער זאָל קומען!
זאָל עמיץ פליהען רופען איהם, און ברענגען...״
אָ לאָזט מיך אָבּרוהען!... איך קאָן נישט, רבּי!

## ר׳ דן

ר׳ייד!!

## חנניה

...און מיט אַמאָל האָט זיך די טהיר געעפענט ברייט
און ס׳איז אַריין אַ הויכער, אין אַ זשופּיצע אַ ווייסער,
אַ שטריימעל אויפ׳ן קאָפּ געווען, אַ גאַרטעל אויף די
לענדען,
און ווי ער איז אַריין, איז דאָרט געוואָרען לוסטיג,
פרעהליך.
אַ טומעל, אַ געלעכטער, אַ פערשייט געזאַנג און טאַנץ;
דער הויכער מאַן האָט אויך געטאַנצט, פון אַלעמען פער-
שייטער.
איך האָב דאָס אַלץ געזעהן, נאָר נישט געזעהן האָב איך
זיין פּנים.
זיין פּנים איז די גאַנצע צייט געבליבען ווי פערשטעלט.
וואָס ווייטער איז געווען... עס איז אַ פּחד צו דערצעהלען.
דער הויכער אין דער זשופּיצע, אין גאַרטעל מיט׳ן
שטריימעל,
האָט מיט אַמאָל בעקומען אין די הענד אַ ספר-תורה.
איהר הערט? אַ ספר-תורה! מיט׳ן קאָפּ אַראָב געהאַלטען
און אָנגעהויבען לייענען מיט טראָפּ און מיט געזאַנג,
פון סוף צוריק: ישראל כל לעני משה עשה אשר.
און ס׳האָט ביי יעדען וואָרט זיינעם געשאָסען אַ גע-
לעכטער...

און גלייך האָט מען אַריינגעבראַכט אַנ'אויסגעצירטע בעט,
געלעגען איז אויף יענער בעט אַ שלאָפענדיגע בתולה.
דער הויכער מאַן איז צוגעפאַלען קושען זי און האַלזען,
דערביי האָט ער אַ קעהר געטהון דעם קאָפּ צו מיינער זייט
און איך האָב ערשט דערזעהן, איהר הערט? דערזעהן איהם און דערקענט!

### ר' דן

ווער איז ער, ווער? וואָס זאָגסטו נישט? וואָס שווייגסטו?

### חנניה

ווער, איך קאָן נישט!

### ר' דן

שוין זאָלסט דו זאָגען! און אַז נישט—אַז נישט וועל איך דיך שילטען!

### חנניה

איהר הייסט מיר—מוז איך, רבי. דאָס זייט איהר אַליין געוועזן.

### ר' דן

איך? איך?

### חנניה

יאָ, רבי, איהר, און די נקבה—דאָס איז מרים!

### ר' דן

איך? מרים? איך? וואָס איז מיט דיר, חנניה, ביזט משוגע?

### חנניה

ס'קאָן זיין איך בין משוגע. אָבער דאָרט זענט איהר געוועזן.

## ר׳ דן

חנניה, האָסט מסתמא דאָרט געשלאָפן גע׳חלום׳ט.
געזעהן אַ בייזען חלום און פערשטעהסט נישט, טפּושׁ!
טפּושׁ!
צו זיין אין גרוב פון אשמדאי, און זעהן דאָרט... ווע-
מען—מיך!
פערשטעהסט דו נישט, דו טפּוש, אַז דו האָסט דאָרט
איינגעשלאָפען?

## חנניה

ניין, רבי, ס׳איז קיין חלום נישט געווען.

## ר׳ דן

פון וואַנען ווייסטו?

## חנניה

איך האָב אַ סימן.

## ר׳ דן

וואָס? דו האָסט אַ סימן? וואָס אַזוינס?

## חנניה

אַז די העהנער האָבען אָנגעהויבען קרעהען צום בעגינען,
איז דער הויכער מאַן געשווינד אַרויס פון וויסטען אָרט,
געלאָזט זיך געהן צוריק אין שטאָדט, ער איז כמעט גע-
פלויגען.
נאָר איך בין נאָכגעלאָפען איהם, גערופען און געשריען,
איהר האָט מיר נישט געענטפערט, נישט געהערט מיך.

## ר׳ דן

ווייטער, ווייטער...

### חנניה

און כ'האָב אײך אָנגעכאַפּט בײם גאַרטעל און געװאָלט
פערהאַלטען,
האָט איהר זיך דאַן אַ ריס געטהון און באַלד פון אויג
פערשװאונדען.
און נאָר דער גאַרטעל—אײער גאַרטעל, איז בײ מיר
פערבליבען.

### ר' דן

דער גאַרטעל? (כאַפּט זיך פאַר'ן גאַרטעל) װעלכער גאַרטעל?

### חנניה

אײער גאַרטעל.
דער שבת'דיגער גאַרטעל, אָט-אָ איז ער?

### ר' דן

(כאַפּט דעם גאַרטעל בעטראַכט איהם)

מײן גאַרטעל, מײנער! װאו האָסט דו גענומען?

### חנניה

איך דערצעהל דאָך.
איך האָב זיך נאָכגעיאָגט נאָך אײך און איהם אַראָבגע-
ריסען.

### ר' דן

דו ליגסט! דו ליגסט! האָסט איהם געװיס בײנאַכט בײ
מיר גענומען.

### חנניה

איהר האָט איהם נעכטען בײ דער נאַכט אויף זיך גע-
טראָגען, רבי!
בשעת איך בין אװעק.

### ר׳ דן

אויף מיר? אויף מיר? ווי קאָן דאָס זיין, חנניה!
(שרײַט) ווי קאָן דאָס זיין? איך זיץ דאָך אָב אַ גאַנצע
נאַכט און לערן.
איך מאַך נאָר צו די אויגען אויף אַ וויילע!

### חנניה

איך ווייס אַליין נישט.
איך ווייס נישט, רבי, נאָר איך פיהל, איך געה אַראָב
פון זינען.

### ר׳ דן

דו ווייסט! דו ווייסט! אַהאַ! איך זעה, איך הויב שוין אָן
פערשטעהן!
ער, ער האָט דיך אַהערגעשיקט און דו ביזט זיין שליח.
זי אויך! זי, מרים, אויך! איך הויב שוין אָן פערשטעהן,
דו מיינסט מיך בייצוקומען, שטן, אָבער ניין,
איך וועל נאָך מנצח זיין דיך, שטן! (שרייט) מרים! מרים!

מרים געהט אַרײַן, בלײַבט בײַ דער טהיר דערשראָקען

### ר׳ דן

אַהער-צו, מרים! מרים, זיי זיך מודה!

### מרים

שרייט־אויס

אַ—אַי!

לויפט אָב אין אַ ווינקעל

### ר׳ דן

קומט צו זיך, בעהערשט זיך

וואָס האָסט דו זיך, מיין קינד, דערשראָקען? שרעק זיך
נישט.

דאָס האָב איך אומגערן געשריען... נו בערוהיג זיך.
בערוהיג זיך מיין קינד.

מרים

כ׳האָב זיך דערשראָקען, פעטער...
איהר האָט מיך אַזוי הויך גערופען. וואָס האָט איהר גע-
וואָלט?

ר׳ דן

כ׳האָב גלאַט אַזוי... געוואָלט... געוואָלט דיך פרעגען,
צי גרייטסט דו זיך? עס קומען מחותּנים.
וואָס טהוט די באָבע איצט? איז זי געזונד?

מרים

קוקט איהם אָן מיט שרעק

געזונד.

קוקט אויף איהר

ביזט בלייך און אָבגעצערט, מיין קינד.
וואָס איז מיט דיר? צי טהוט דיר עפּעס וועה?

מרים

קיין אבר טהוט נישט וועה.

ר׳ דן

און עסט און טרינקסט, מיין קינד,
ווי אַ געזונדטע?

מרים

ר׳ דן

און שלאָפסט? שלאָפסט זיס, און שטאַרק?

### מרים

הערט פערציסערס

איך שלאָף...

### ר' דן

דו שלאָפסט? נו, און חלומות?
צי חלומ'ט זיך דיר וואָס? צי זעהסט דו וואָס אין חלום?
וואָס זעהסט דו, זאָג? וואָס זעהסט דו?

### מרים

ווערט נאָך מעהר פערציטערט

איך געדענק נישט.

### ר' דן

געדענקסט נישט? דאָך... דערמאָהן זיך גוט. איך הייס דיר זיך דערמאָהנען.

### מרים

פון אָנהויב שרעקעדיג, שפּעטער מיט אַלץ מעהר פערטרויאונג

איך ווייס נישט, פעטער... איך געדענק נישט קיינמאָל די
חלומות...
ווי נאָר כ'וואַך-אויף—פערשווינדען זיי פון אויג און פון זכרון.
דאָך עפּעס פיהל איך נאָך בייטאָג, אַז ס'האָט זיך מיר
געה'ח,ומ'ט,
און עפּעס רודערט זיך אין מיר און ס'ברויזט ביי מיר
אין האַרצען.
מיר ווילט זיך וויינען און מיר דוכט: איך וועל דערמאָה-
נען באַלד.
אָט פאַלט דער צודעק פון די אויגען און איך זעה דעם חלום.
איך געה און זוך, עס קלעמט דאָס האַרץ, איך פיהל מיך
ווי אַ בלינדע.
מיר חלומ'ט זיך אַ מאָדנע זאַך... איך קאָן נישט... ניין...
איך פיהל נאָר

איך זעה פּאַר זיך ווי פּנימ'ער, פערהילט אין גרויען נעבעל.

ר' דן

און וועמען זעהסט דו?

מרים

דוכט זיך, איך... (כאַפּט זיך) ניין, ניין! נישט איך!
איך וייס נישט!
מיך ברענט און שטיקט אַ גאַנצען טאָג, קיין אָרט נישט צו געפינען.

ר' דן

דו לייענסט קריעת-שמע?

מרים

יאָ.

ר' דן

און די מזוזות אויף דיין טהיר?

מרים

שוין צוויי מאָל דורכגעקוקט זיי...

לאַנגע פּויזע

ר' דן

געה...

מרים

געהט צו דער טהיר, שטעלט זיך מיט אַמאָל אָב און שרייט אויס היסטעריש.

איך וויל נישט, פעטער!
איך וויל נישט צו דער חופּה געהן! איך וועל נישט געהן!

ר' דן

וואָס רעדסט דו קינד?

מרים

איך קאָן נישט, כאָטש אויף שטיקער שניידט מיך, פעטער!

איך קאָן גישט, כ'וועל קיין חתונה נישט האָבען, ניין!

לויפט ארויס. לאַנגע פויזע.

## ר' דן

קוקט שטאַרק אויף חנניה'ן

יאָ, יאָ, איך זעה שוין. איצט בין איך שוין זיכער,
דו ביזט אַוועק צו איהם, דו העלפסט שוין איהם, חנניה.
ביזט זיין שליח און דו מיינסט מיך גובר זיין דערמיט!
אַ טעות האָט איהר. דו און ער. דאָס גאַנצע לעבען פיהר איך
מיט איהם אַ ביטערע מלחמה. יאָ, דאָס גאַנצע לעבען
ער שטעהט נישט אָב פון מיר, ער שטרויכעלט מיר מיין וועג.
ער וואַרפט זיך אונטער מיינע פיס און פרובט פערשידע-
נע תחבולות.
ער קומט צו מיר אין חלום און אין וואָהר. ער שיקט
מיר אונטער
שלוחים זיינע און ער שפרייט מיר נעצען. אָבער איך—
איך בין איהם גובר יעדעס מאָל און איך פעריאָג איהם,
איך פיהר מיט איהם אַ שטרייט און ברעך זיין מאַכט.
און איצט האָט ער אַנ'אַנדער וועג געפונען, יאָ איך זעה:
דורך דיר, חנניה! דו האָסט דיין נשמה איהם פערקויפט,
זאָג, זיי זיך מודה, וויפיל האָסט דו גאָלד פאַר איהר
גענומען?
זאָג, ווען האָסט דו אַ שטר מיט בלוט געשריבען, זאָג!

## חנניה

וויינט

וועה איז מיר!

עס הערט זיך אַ געטומעל

## גדליה

לויפט אריין פון גאַס

די רבי'צין אין גאַס געפאַלען, רבי
איהר איז נישט גוט, זי איז פערביי.

ר׳ דן

ווער? וואו? די מוטער?

גדליה

יאָ. מען טראָגט זי.

ר׳ דן

וואו?

גדליה

מען טראָגט זי שוין אַהער.

ר׳ דן

מען טראָגט אריין דבורה׳ן. ר׳ דן לויפט צו צו איהר

ר׳ דן

מאַמע!

דבורה

מיין זוהן... איך שטאַרב...

ר׳ דן

ווי הייסט דו שטאַרבסט? איך הייס נישט!
איך האָב נאָך מאַכט דעם טויט פערוועהרען קומען!
הערסטו?

דבורה

מיין זוהן! מיין הייליגער, מיין גרויסער זוהן! איך בעט דיך, האָב רחמנות,
רחמנות האָב און האַלט מיך מעהר נישט אויף... איך קאָן נישט מעהר.
די לאַסט פון לעבען איז צו שווער שוין פאַר מיין על-טער, לאָז מיך געהן!

ר׳ דן

נישט איצט, נישט איצט! איך דאַרף, איך מוז דיך האָבען!

דבורה

מיין זוהן, דו ווייסט נישט וואָסער לאַסט עס דריקט מיין נפש...
שוין פערציג יאָהר, שוין פערציג יאָהר אַז ס'דריקט.

ר' דן

דערשראָקען

שוין פערציג יאָהר?

דבורה

און שטענדיג נאָר די שרעק, די אימה, אַז איך קאָן נאָך שטאַרבען
פערטראָגענדיג מיט זיך דעם גרויסען סוד. מיין זוהן!
מיין זוהן!

ר' דן

פאַרוואָס האָסט דו געשוויגען, מאַמע?

דבורה

פאַר'ן טויט,
נאָר פאַר'ן טויט איך קאָן מיין האַרץ ענטפּלעקען, זאָג מיר צו,
אַז דו וועסט אויף דער וועלט מיך מעהר נישט האַלטען.

ר' דן

פערצווייפעלט

מוטער, מוטער!
איך קאָן נישט איצט! איך קאָן דיר איצט נישט לאָזען,
דאַרף, איך מוז אַנ'אָנהאַלט האָבען!

דבורה

דו? אַנ'אָנהאַלט? זוהן!

ר' דן

דעם אָנהאַלט פון אַ מוטער... נאָר דורך דיר...

## דבורה

צושרייט זיך פלוצלונג

וואוהין? וואוהין?
וואוהין דען טראָגט איהר מיך? וואוהין איהר טראָגט מיך?
נאָר נישט אין גהנום, נישט אין גהנום, ניין!
מיין זוהן וועט פאַר מיר בייששטעהן, דן, מיין זוהן!
צוהער קום, ראַטעווע מיך!

## ר׳ דן

מאַמע! מאַמע!
וואָס איז מיט דיר?

## דבורה

בעשיץ מיך פון די מלאכי חבלה!
אָ, שטיץ מיך, לאָז מיך נישט! איך האָב אַ זוהן!

## ר׳ דן

צו די איבעריגע

איהר אַלע געהט אַרויס. (אַלע געהען ארויס) וואָס איז דיר, מאַמע?

## דבורה

ביזט דאָ? ביזט דאָ, מיין זוהן? מיין דנ׳עלע, נישט לאָז זיי,
נישט לאָז זיי צו צו מיר, כ׳האָב מורא... זוהן, דו ווייסט,
דו ווייסט: איך בין נישט שולדיג. (וויינט) נישט קיין זינ-
דיגערין, ניין!
דו, גאָט דער האַר, ווייסט אויך. פאַר דיר איז דאָך ענטפלעקט
די וואונד, וואָס איך האָב אין מיין האַרץ געטראָגען!
(שרייט) זיי זענען ווידער דאָ! זיי געהען, דן! דו זעהסט?
זיי געהען מחנות׳ווייז. עס קנאַלט אַ שיסעריי...
עס ברענט די שטאָדט. די גאַנצע שטאָדט. מען שעכט,
מען שעכט די יודען אין די גאַסען... אויך דיין פאָטער...
אין שוהל מיט שפּיזען איהם געשטאָכען... וועה, די רוצחים
זיי רייסען זיך אַריין צו [illegible]. בעשיץ מיך, גאָט!
פאַרוואָס האָבען זיי דאַן מיך נישט דער׳הרג׳עט?

אַ זוהן — אַ ממזר פון גזלנים! גאָט, דו ווייסט דאָך וואוילן
אַ לעבען לאַנג דעם סוד פּערדעקט! דו וועסט דערפאַר
מיך שטראָפען.
אַ זוהן אַ ממזר און אַ גדול בישראל!...

## ר׳ דן

שפּרינגט־אויף

וואָס האָסט דו געזאָגט?

## דבורה

איך? איך האָב גאָרנישט נישט געזאָגט. דאָס גאַנצע לע-
בען נישט געזאָגט.
דו האָסט אַליין דאָס אַלץ געוואוסט. האָסט גוט געוואוסט,
מיין זוהן.
דערפון דאָך שטאַמט דיין טרויער, דיינע תשובות,
און איצטער קום מיט מיר פאַר גאָט אין הימעל טענה׳ן!
זוהן מיינער, לעהז מיך אויס!

## ר׳ דן

דאָס איז נישט אמת, מאַמע! זאָג, דאָס איז נישט אמת.
אוי, נעהם אַראָב דעם חלף פון מיין האַלז!
אוי, ראַטעווע דיין זוהן און זאָג: דאָס איז אַ חלום,
ס׳איז נאָר פון היץ גערעדט! זאָג, מאַמע, רעדסט פון היץ!

טרייסעלט זי

## דבורה

קוקט אויף אידם מיט גרויס געעפנטע אויגען

ווער? איך האָב דיר ענטפּלעקט דעם סוד? מיין זוהן,
נישט גלויב! אַי — אַיו

פאַלט טויט.

## ר׳ דן

שטעהט ווי פערשטיינערט, גיט זיך אַ ריס פון אָרט, שרייט

חנניה! קום אַהער! חנניה, זיי מיר מוחל!
חנניה, דאָס בין איך ביינאַכט אין מיהל געוועזען, איך!

(פאָרהאַנג)

פון דריטען אַקט זענען קיין פראַגמענטען נישט געבליבען. לויט אַן־סקיס מונדליכער ערצעהלונג האָט זיך די ווייטערדיגע דראַמע געזאָלט ענטוויקלען אויפ'ן פאָלגענדען אופן:

ר' דן אַליין איז נאָך נישט איבערצייגט, אַז ער איז דאָס דער רשע. אַז פון זיינע זינד שטאַמט דאָס די מגפה. די לעצטע ווערטער פון דער מוטער האָבען איהם איבערגעלאָזט אין צווייפעל וועגען זיין אָבשטאַמונג.

ער בעשליסט אַרויסצורופען די סטרא־אחרא אויף אַן אָפענעם קאַמף און בע־קעמפען זי מיט יענע געפעהרליכע מיטלען, מיט וועלכע זי האָט איהם געפרובט בע־קעמפען.

דאָס וויל ער אויספרובען זיך אַליין און איבערצייגען זיך, אויף ווי ווייט עס גרייכט אין איהם די שליטה פון צדיק אָדער, אויף ווי ווייט איז ער באמת דער רשע.

ער האָט געשיקט דעם גבאי צוזאַמענרופען אַלע חסידים. די חסידים קומען צוגעהן. אַהענד. ר' דן ערקלערט זיי, ווי אַזוי און מיט וועלכע מיטלען זיי דאַרפען פרובען גובר זיין די סטרא אחרא און אַזוי אַרום בעפרייען די שטאָדט פון דער מגפה. ער הייסט זיי נאָכטהון דאָס, וואָס עס טהוט זיך אָב אין מיהל.

אויף זיין בעפעהל זינגען די חסידים פרייע לידער, טרינקען וויין און עסען טריפה. מען ברענגט אַריין אַ רייניגקייט און ר' דן, שוין אין דער העכסטער שטופע פון פערצווייפלונג, בעפעהלט זי צו בעשפייען.

די חסידים בעפאַלט אַ פחד, זיי ווילען נישט איינגעהן אויף דעם חלול הקודש. ר' דן רעדט זיי איין, אַז נישט די רייניגקייט בעשמוצען זיי, נאָר דאָס איז דאָס איינציגע מיטעל גובר צו זיין די סטרא אחרא.

און דאַן, ווען די חסידים. בערוישט פון וויין און פון זייערע אייגענע אור־ספרגעהערהנליכע מעשים שטימען איין צו בעשמוצען די רייניגקייט, לויפט מען אַריין פון דער גאַס מיט דער בשורה, אַז די מיהל ברענט.

פאַר ר' דנ'ען ווערט פלוצלונג קלאָר, אַז ער איז דאָס דער רשע.

ער פאַלט און שטאַרבט מיט'ן אויסגעשריי:

—„עס איז קיין דין, נישטאָ קיין יושר!“